# לשנה־טובה־ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן" ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאראדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאראד פרעס" ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אנגעשטעלטע און קליענטן.

זרובבל נאראד און פרוי ווינטשן א כוח"ט זייער משפחה און פריינט.

מנשה און נילי ווייסגראז ווינטשן זייערע קינדער, משפחה און גוטע פריינט, א גוט געזונט יאר.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפּ־חה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער פון גראנד־פאלעיי־טעאטער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאל, אין סאדערן ראדישיאפ, א כתיבה וחתימה טובה.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פריילכן יאר פאר מיין ליבן ברו־דער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

חיים נח בענקוויטש — לשנה טובה צו מיינע קינדער, אייניקלאך, און אייניקל, משפחה און כלל ישראל.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער א־ידעם, אייניקל, ריטש־מאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון „פריינט פון יידיש לשון" די „ליטערארישע שבת נאכמיטאגס" און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

פארזיצערן פומן איסט לאנדאן „וויצ"א מרס. אני נאדלער, ווינשט די מעמבערס פון וויצ"א, בית ציון און „לשון און לעבן" א כתיבה וחתימה טובה.

סיידי שעני פון 463 קאמערשל רויד א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

סעם לעפ און פרוי ווינטשן אלע פריינט א גוט געזונט יאר.

לשנה טובה תכתבו: די בעסטע ברכות צום נייעם יאר מיין ברודער אהרן שוועגע־רינס, פלימעניקס און פלימעניצעס אין בריסל, תל־אביב, טאראנטא, זייערע פרויען און קינדער. די קאלעגן און „פריינט פון יידיש לשון", דער יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן־פאריין אין לאנדאן; די ה"ה רע־דאקטארן און מיטארבעטער פון די יידישע צייטונגען אין תל־אביב, ניו־יארק, ארגענ־טינע, בראזיל, יאהאנעסבורג, פאריז און לאנדאן. — ש. י. הארענדארף און פרוי.

יעקב ריכטיגער און פרוי שיקן א כתיבה וחתימה טובה אלע זייערע קרובים און פריינט און כל ישראל בכל מקום שהם.

שמואל און אסתר ווהייט—ווינטשן זייער פאמיליע, פריינד און כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

כ'ווינטש א כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינט — משה דאמב.

נושה בעקערמאן ווינטשן משפחה, פריינט אין ענגלאנד, פראנקרייך, פוילן און אמע־ריקע און כל ישראל איאר פון געזונט, פר־נסה און א פריעדלעך לעבן.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פריינט אין לאנדאן א גוט יאר.

א. מ. קייזער און זיין פאמיליע ווינטשן אלע זייערע פריינט און באקאנטע א שנת שלום, געזונט און הצלחה. אונדזער אדרעס נאכן 19'טן אקטאבער איז:

A. M. KAIZER
3 Rehov Gur Yehuda,
Tel-Aviv (Israel)

א יאר פון גאולה און ישועה און פון שאפערישער פרייד ווינטשט פריינד און נאענטע, דר. יעקב י. מייטלים און משפחה.

מיכאל זילבערבערג און פרוי — א כתיבה וחתימה טובה צו אלע אונדזערע פריינד, בכל מקום שהם.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאר.

ל. בײלי — איך ווינטש מיינע קינדער און אייניקלעך אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איער מאן איין גוט און געזונד יאר.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייען יאר.

דוד גריינוער ווינשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

52 Sherrickgreen Rd., N.W.10

שלמה ראזענפארב ווינשט קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל, פרוי און טאכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן אלע זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8־9 (העפט 416־17) זיבן און צוואנציק. יאר אויג.־סעפּ. 1966 לאנדאן


## על חטא שנת תשכ"ו

„ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא"!
מילא, דיפּלאמאטיע, גרויס־פּאליטיק,
אבער אויפבויען די תפוצות, דעם גלות,
אויף דעם טריפענעם „שלומים־געלד"־גליק? . . .

פונקט ווי פון שוועבעלעך קונציק אויפגעשטעלט,
ס'צעשטערטע געצעלט — ס'בית ישראל הויז!
אונזער לעצטער פונק אונטער אש טליענדיק,
אויפפלאמען א רגע, פארברענט און אויס.

ווי פון א ראק, ווי פון סיפיליס צעפרעסן,
עס ווערט אונזער יידישער גוף אצינד!
אברים־ווייז פאלן זיי אראפ די גלידער,
סקעלעט קוקט רק אין וועלט אריין, שוין בלינד.

מילא, ישראל, אויף האלץ־פיס שטאלץ בלייבן שטיין —
א סטראשידלע אין סאלדאטסקע שינעל!
בשעת די תפוצות, אויסגעטאנצט מה־יפית,
ליגן טויטע אונטער דער בערן פעל.

## צו אדענאוערס באזוך אין ישראל

צוויי ערליי מין כלבים פאראן זיינען,
וואס האווקען און וואס וואיענדיק וויינען,
פון וועלף און פון שאקאלן זיי שטאמען;
חלילהביידע קומען צוזאמען,
צו קוצעניו מוצעניו זיך גענומען,
ווער ווייסט וואסער כלבים ארויסקומען.

דאס זיך באניוכען, דאס זיך באשמעקן,
סלינענדיק גאווערדיק זיך באלעקן, —
דאס שטעלן זיך אויף אינטערשטע לאפעס,
„ראנטשקעלע־געבן", „פולקעלע־כאפ־עס",
און ערשט דאס קייקלען זיך אויפן רוקן,
הינטיש אין די ציינער זיך קוקן.

און אפשר פון דעם פארן, — מ׳קאן וויסן ? ! —
לאכנדיקע הינט מיט גאלד־געביסן,
קאסמאס־ראסעס ארויסקומען וועלן ;
א קלייניקייט — שדה־בוקר און קעלען !
נישט א ביסמארק־קאנצלער שטאל און אייזן —
עלענאווי געטון טון זיך באווייזן !

איז עס נישט צום לאכן ביז צום פלאצן,
א וויץ מיינע שונאים — א פאיאצן !
ביי די זייטן זיך ממש צוהאלטן :
אט דעם פוקס־וואלף, דעם כיטראק, דעם אלטן,
גיט מען אנצינדן די קדושים־מנורה — — —
שא, נישט א שאקאל — ס׳ווינט נשמה טהורה.

## חלילה וחס

פון אדענאוערס ליכט אין יד־ושם,
האט ס׳יידישע פנים פון בושה געברענט,
און מיט דער מאכערייקע אין בעלגיע,
דאס לעצטע ביסל כבוד אונזערס געשענדט—

מען פירט דייטשע סאלדאטן האלטן וואך,
ביי א יידישן קדושים־מאנומענט !
מילא, אין געטא, אונטער די נאציס,
א יידן־ראטלער, קאפאָס, א דייטשער אגענט —

אבער אזוי אויף דער פריי, א דרייער,
וואס ארבעט ביים גערשטנמייער אויף פראצענט — — —
א פאלק שטרעקט אויס דעם קאפ צו דער שחיטה ? !
פיל ערגער צום מערדער בעטלערישע הענט ! !

אויב מיט געטא־ווענט, מיט קרעמאטאריעס,
עוקר־מן־השורש־זיין אונז נישט געקענט,
דער שונא — מיט „שילומים״, „גוטמאכונג״,
חלילה־וחס, נאך מאכן פון אונז אן ענד.

## תפילה זכה

וועלן מיר פארגעסן וואס די דייטשן האבן אונז געטון,
גאט, זאלן מיר אליין ווי דער טויט פארגעסן ווערן ;
א ציבעלע נישט ווערט די אלע געשמאכטע הזכרות,
יין צימוקים־געוויין פון אויסגעקוועטשטע טרערן.

דאס דייטשע גוטמאכונג־געלד נישט אויפצובויען ישראל,
צו קויפן דערפאר כל־ערליי כלי־זיין־געווערן ;



ווי די פארגאזטע קדושים, פארסמט איצט אונזער נשמה,
צו פארטיליקן און אליין פארטיליקט צו ווערן.

א קופערנע קערה ערב־יום־כפור אין שקיעה־שעה
שטייט די זון — ווי ס׳פאלן אריין די שקלים כ׳קאן הערן !
גאט, אין זכות פון יענע, פון מויל די אפגעשפארטע פריטות,
זאל דאך ארץ ישראל, חלילה, נישט חרוב ווערן.

## א טרערן - תפילה

„שערי דמעות לא ננעלו״

מיין שטילע תפילה איידער אין טו,
גיי איך טבילה אין מיינע טרערן ;
איך בעט, אויב נישט א גאט אין הימל,
מענטשן אויף דער ערד זאלן הערן :

„ווען שוין וועלן בלוטיק די שחיטות,
צווישן מענטש און מענטש שוין אויפהערן ;
ווילדסטע חיה רחמנותדיקער״ —
גיסן זיך הייס מיינע טרערן.

„נארישסטע בהמה א סך קליגער,
אונזער גאנצע חכמה — געווערן !
כלי־זיין ביז פון דער גאנצער ערד,
א תוהו ובוהו ס׳וועט ווערן.

א דאנק דיר גאט וואס אונז מענטשן כאטש,
געגעבן האסט ס׳ווארט און די טרערן,
פון הארץ — פונם פינסטערן ברונים,
ארויפקייקלען דעם שטיין דעם שווערן.

„נאריטע בהמה, ווילדע חיה,
אפגעטון — נישט איבערצוקלערן !
וואס בלויז פון אונז מענטשן געווארן,
ווען נישט דאס ווארט — די טרערן״.

מיין געוויין, מיין תפילה, כ׳ווייס קלאר,
נישט גאט, נישט מענטש וועלן דערהערן —
רייסט זיך נישט א קוואל פון א פעלדז
פון מדבר פארשלונגען צו ווערן.

דאך ווען א שלאנג דערשלעפט זיך אהין, —
איר בליק גיפט־פארגליווערטע טרערן ;
צו איר געציש דער פארשטיינטער פעלז,
ווי צו א תפילה זיך טוט צו צוהערן.

„שדי קרע שטן“ (די וואַריאַציע פאר פריינט געווירץ)

אין דער גאנצער אומענדלעכער אין־סופיקייט,
איז דען פאראנען אן אויער וואס זאל דערהערן,
וואס זאל פארנעמען דעם צער פון מענטשלעכן הארץ,
אים אויסדערציילט צומאל מיט אומצאליקע טרערן?

מיטן קרן־השופר כאטש הויך אויסמריטשען,
מיט שעפעלע־יללה וואס גייט געשחטן ווערן:
וואס שוין אלע שיינע מענטשן שפראכן־שפרוכן,
אז די שחיטות צווישן מענטש און מענטש נישט אויפהערן?

## יעקב גלאטשטיינען צום יובל השבעים

מיט מאמעס אין־טאניקן שטילינקן וויגן — —
מיט טאטנס פארטיפטן אכט־פאליקן ניגון — —
ממעמקים אין דער אדמה צו ליגן
און 9׳טע סימפאניע כאטש איבערגעשטיגן.

א.

למנצח על השמינית — א ליד
אויף אלע כלים אויפגעשפילט זאל ווערן;
נישט א מזמור, ממצרים עד היינע —
א ניי געזאנג האט זיך געטון טון הערן.

א, יידל מיטן פידל, בערל באס,
פארגאזט אין אוישוויץ, פארברענט אין טרעמבליקע;
א קופע אש די גאנצע קאפעלע,
צומאל מאנדריש מיט דער קאטערינקע.

איז א פלייט געשניצט איצט פיין געדרעקסלט,
פון די פינף פינגער ביזן עלנבויגן;
איבער ביעדרע וויי־אדער געסטראיעט,
פארמעטן שטערן פויק איבערגעצויגן.

יא, פון די זיבן יאריקע פלאמען,
א פעניקס פויגל איז ארויסגעפלויגן!
זע, ס׳פלאקערן די פליגל, ס׳גליט דער דזשוב,
פייער־פונקן שפריצן די גלאוונע־אויגן —

אזא שטיגליץ מיט ציין אויף דער צונג,
שטאל די גראטשעס א גארגל צו פארקלעמען;
מיט איין שאס פון די וואלקענעס ארויס,
די גאנצע וועלט אויפן צימבל צונעמען.

און ווען ער בלייבט פלאטערדיק שוועבנדיק,
הענגענדיק אזוי צווישן ערד און הימל,



פון זיינס א זמירות זיסן זמרל,
כאפט גאט אליין א שבתדיקן דרימל.

ב.

נאך ברכי נפשי, שלוש־סעודות שוין,
כזיתל קוים פון טשאלענט קיגעלע;
אל־תירא עבדי יעקב! קנאלט מיט בייטש,
ציגעלע אונטער יאקעלעס וויגעלע.

דריי שטערן שוין! אויף הימל א יעריד,
כאטש גאנצע שטעטלעך יידן מיטגענומען!
און אזוי א קעמל שווער באלאדן,
צווישן די וואלקן־קראצערס אנגעקומען.

פון אלע שויפענסטערס, צעפונקלטע,
קוקט מען, מ׳קבל־פנים זיין מ׳גייט אקייגן:
אפשר א דארן באקסער, א טייטל,
קברת־ניסלעך, קרענצלעך טרוקענע פייגן?

ווי האלט עס מכוח ראזשינקעס און מאנדלען,
געקאכטע לאקשן די ברייט — אכצן און דרייצן!
ס׳קנאלט בייטש מיט א פייף, מיט א קניפ און שלייף
און פון אלע זייטן מ׳שלעפט ביי די לייצן.

לינקס, רעכטס, טשערעפאכיק דרייען זיך קעפ,
קאסאקא־דערשראקן קוקן די בליקן;
אויף טויזנט און איין ראד דרייט זיך די שטאט,
אומצוקומען, די פעק די הויקערס דריקן.

א שאקל אראפגעגעבן פון זיך,
און א ווייס ציגעלע געבליבן ווידער;
גאלדענע קייט — דאס גלעקל נעמט קלינגען!
אויפסניי ס׳ווערט בראדוויי געיידישט מיט לידער.

ג.

ווי וויי־חכמדיק נעבעך, ווי אלט קלוג,
ווי יינג, ווי שווער פשוט צוקאנען בלייבן —
שלום־זכר גערונצלטע ארבעס,
פון ווערטער ס׳ווערעמדיקע אויסצוקלייבן.

פעפערלדיק אין נאז טיילמאל א ציפ,
זויערלעך־זאלציק — טויזנט זיסע טעמים!
אייביק אונזער דור הולך ודור בא,
ווי לאנג ס׳זיוויגן זיך גראטענע גראמען.

דעם שטערן געקנייטשט, געיידישט, געטייטשט,
דעם בדמיך חיי מ׳שפירט אויף די ליפן;
מיט אל מלא רחמים פול ווערט די וועלט,
איכאדיק־בלוטיק גענומען ס׳האט כליפן.

ס׳הארץ שמונה־עשרהדיק שטיל צעצאפלט —
צעשעפטשעטע טרערן צעווייקטע תחינה;
איבער קאפ פלאטערט פליגל פארמאטערט —
איבער שבעה ימים גלותט די שכינה.

אזוי נאנט, ווי דירעקט ס׳מעסער ביים האלדז,
גייט ער צו צום אויפצאפלדיקן לעבן;
טיילמאל ווי אויסכארכלענדיק ס׳לעצטע ווארט,
לייגענדיק אן אויסגעשריי מ׳מוז געבן — —

א געזאנג — אזא גאנג אויף תליה־שטריק,
פון מייקן צום חוזה צוריק צוקומען — —
איבער ברויזיקע בלוט־אקעאנען,
גסיסה־צעשווומטע, געקומען געשווומען.

ד.

קאן מען צעשורגעטן ים גרונטעווען?
מיט געלעכערטן עמער אים אויסשעפן?
אזוי אונזער בדמיך חיי טראפ!
מיליאנען־ווייז אונז קוילען, שעכטן, קעפן,

און ס׳בלוט מיט די שארבן־קעפ דערשעפן?
טיטוס שוין געמיינט האט, אז מיט זיין מעסער
גאט כביכול, חלילה, דערשטאכן — —
איז דער רשעה אצינד געווען נאך גרעסער!

צי קאן מען טויטע בראצלאווער חסידים,
מיט מסה־צלב, אין קאלך־אוויינס פארברענען?
און ווי גרויליק גרויס די קרעמאטאריעס,
צי האט מען געקענט און וועט מען דען קענען?

און דער יושב בשמים ישחק,
ווער קאן אים דען משיג זיין מיטן שכל?
דער אייזענער קאפ מלובלין קלאפט זיך,
אין געטא־וואנט מיט משוגענעם שמייכל.

ווי אין א פינסטערער שטוב מ׳הייבט אן זען
אזוי א הארץ צום צער זיך צגעוויינען



אין איר חשכות ס׳האט שכינה זיך צעווײנט,
ביי א תחינה — ביי א ליד פון גלאטשטיינען:

זע, גאט, ס׳איז א מענטשן־קינד דיין סניגור,
אזא פנים האסט דו שוין, דו אל נקמות;
נישט אויף דיין געשאכטן עמך ישראל,
אויף דיר, כביכול, נעבעך, א גרויס רחמנות.

ה.

יא, ווער ווייסט ווי הויך ער וואלט געשטיגן,
אויף דעם שיני מייק באלאדעסקן לייטער —
„א דיכטער אין סאמעטענע הויזן״! —
צום וואלקן־קראצער אויפן עלעווייטער.

פארחלומט זיך געשפילט מיט מאצארטן,
אויף שאפען־נאקטורן דערגרייכט צום הימל;
מיט שפיץ־פינגער דערפילט די נאקעטקייט,
פון פערצערטן מענטש און פון צארטסטן בלימל —

יא, ווערטער וואקסן ווי שירות בייטן,
א שאלאמיי פון א צווייג מען קאן שניצן;
ס׳געלעכערטע הארץ דעראויף אויספייפן —
אין א ווארט זינג־פויגל אין נעסט קאן זיצן — —

ווי דיין פארשניצן, ווי גראב פארוויצן,
און ווען ס׳איז שוין כלו כל הקיצין,
אויף זיך אליין פון צווישן ציין שפריצן — —
בלוט פון פענעס שפריצן — פון מעסער־שפריצן!

אויב נישט נאך העכער: גאנצן טאן־לייטער,
מיט איין קלאווישן־וויש ארויפגעשטיגן!
און ווייַ, ווי טיף מ׳קאן דאס זינקן אין זיך — —
אבער אז מען פארלירט דעם טאטנס ניגון?

ס׳איז דער חוזה, ר׳ לייבעלע אייגער,
פון מהרש״לס שול אין דער פרי ס׳תהילים זאגן,
אים בייגעשטאנען — — און זיין בראצלאווער
וואס פאסט פראסטע „תעניתים פאר מאגאַן״...

ו.

קוואלן רייסן זיך פון פעלדזן־שפיצן,
בארג אראפ ברויזן באראבאנען טייכן,
געגארל באגלייט פון וועלדער ארגלען —
דאס געזאנג פון די פעלקער צו פארגלייכן.

אונזערס כארכלט מיט געשאכטענעם האלדז
דער דם־התמצות הערט נישט אויף צו זידן,
„כי מעולם ועד העולם אתה אל״,
דער ציענדיקער ניגון פון אונז יידן —

הודאנאס אין די פעלדער פארן שניט,
שעפסן־סטאדעס אין ווינט וואלטן זיך וויגן,
עס דרייט זיך, עס קנוילט זיך א פינסטער ראד,
דער „בני היכלא דכסיפין״־ניגון.

סאטניעס מיט „הורא״־געשרייען נאשטיך,
צו ווערן פון שארפע שאבלעס צעשניטן,
„ויתנו לך כתר מלוכה — —״
דער געשריי איבערגעשניטן אינמיטן.

שטיל שאטנס קייכן צעשאקלטע,
די טונקעלע ווינקלען דווקען און אויקן;
א לעצטע סטרונע קריעה צעריסן,
ס׳קלאפן הערצער ווי צעקראכענע פויקן.

און דעמלט דאס געוויין פון דער שכינה
א טורטל־טויב טרייסט ווארקנדיקע ברומען:
ווייסט, אל על פי שהתמהמה,
אבער אין דער צייט קומען מוז ער קומען —
— — — — — — — — — — — — — — —

ז.

(פון „1919״ — עד מאה ועשרים)

„...א קלייטשיק פינטעלע, א קיילעכדיקס״,
קוים א זוימענדל אזא — בלויז אינגאנצן!
פון שטורעם־ווינטן ווייט־ווו געטריבן,
צו פארווארצלען ערגעץ, גאנץ צו פערפלאנצן.

טראגט נישט א זוימענדל אלץ שוין אין זיך,
די שטענגלעך, די קנאספן, דעם צוויט די בלעטלעך;
בלויז ערשט ווען ס׳גייט אויף מיט אלע פארבן,
ווי אומשטארבלעך, ווי וווּנדערלעך. ווי געטלעך.

עס גליט די זון, די שלאקס־רעגנס גיסן,
ביי די ווארצל־הערלעך די ווערעם נאגן;
„מיט רויטע וואלן ארומגעהילט״,
פריש־צעגלאנצט אין טוי ס׳שטייט אין די פארטאגן.



אבער ווונדער איבער אלע ווונדער:
נייע זוימענדלעך טראגן אין זיך בלומען!
„...א קליינטשיק פינטעלע, א קיילעכדיקס״,
אויף אייביק״ שוין נישט צו פארקומען.

זומערפייגעלעך, זשוקלעך, משיחלעך,
ציטערדיק טאנצנדיק ארום זיי פליען;
גיפטיקע, גין־גאלדן זינגנדיקע,
בינען, זשומענדיק־צערוישט — האניק ציען.

פון די בשמים־שמעקנדיק קווייטן
דעם יובל־קראנץ איצט זיין קאפ צו באקראנצן:
אז געלונגען די ווארצל־הערעלעך,
זיך צו פערפלאנצן, אויפצוגיין אינגאנצן.

מאיר גערטנער *

## א טייל פון זיין מי

(א חלק פון אן עסיי צו יעקב גלאטשטיינס יובל)

דער יידיש־דיכטער יעקב גלאטשטיין, וועמענס זיבעציקסטן געבוירנטאג די גאנצע יידישע וועלט יומטובט דאס יאר, האט מיט צען יאר צוריק ארויס־געגעבן א געקליבענע אויטא־אנטאלאגיע פון זיינע לידער. ער האט אט דער זאמלונג זיינער געגעבן דעם נאמען: „פון מיין גאנצער מי״. דער דאזיקער עסיי וואס מיר לייגן דא פאר איז א קליינע תרומה פאר דעם יומטוב פון יידיש. מיר ווילן דא פארזוכן אונטערשטרייכן א פאר באדייטנדיקע אספעקטן בנוגע דעם דיכטערס ווערק וועלכע קאנען, דאכט זיך, דינען ווי א פענצטער צום גאנצן בניין פון זיין שאפן. באלייכטנדיק א ,טייל פון זיין מי׳, האפן מיר צו זייען ליכט אויף זיין ,גאנצער מי׳.

### עדותשאפט

תהיה לי השירה הזאת לעד — דאס דאזיקע געזאנג זאל מיר זיין צום עדות, האט משה רבינו געזאגט. דאס ליד פון א יידישן פאעט איז אן עדות אויף וויפיל ער איז א יידישער פאעט. אויף וויפיל, הייסט דאס, יידישע ערכים און יידישע געפילן ער האט דאס ארייגעבויט און אויסגעדריקט אין זיין פאעטיש ווערק. ווארום אז מיר קוקן אין פנים פון יידישער דיכטונג קוקן מיר אין פנים פון יידישן גייסט. אין דעם פרצוף־פנים פונעם יידישן ליד זעען מיר געזיכט־שטריכן פונעם יידישן מענטש. אינעם קול פון יידישן געזאנג הערן מיר די שטים פון דער יידישער נשמה. ווען א משורר א ייד זינגט פארנעמען מיר די אייביקע טעמעס פונם יידישן געניוס און די וואונדערלעכע מעלאדיע פון

* ד״ר מאיר גערטנער איז ,רידער אין מאדערן היברו׳ אין דער אוניווערזיטעט פון לונדון.

דעם יידישן גורל. די טעמעס זיינען: גאט, תנך, יידישע טראדיציע, גלות, ארצישראל. נישט דאס דער יידישער דיכטער האט נישט די גאנצע וועלט אין זין ווען ער זינגט. נישט דאס ער איז נישט אוניווערסעל, אל־מענטשלעך און חובק־עולמותדיק אין זיין פאעזיע. ער איז דאס אלץ. ער איז כל־עולמדיק און כלל־מענטשלעך. אבער דאך, זאגן מיר: ער זעט די גאנצע וועלט מיט יידישע אויגן. ער איז מפרש דעם תנך מיט יידישע פירושים. און ער פאר־טייטשט די געשיכטע לויט א ספעציעל יידישן זין. דאס לעבן האט פאר אים א יידישן טעם און דער קיום פון דער וועלט שמעקט מיט א יידישן ריח. פארדעם איז ער א יידישער דיכטער.

עס פארשטייט זיך אז מיט ,יידיש׳ מיינען מיר דא דאס שעפעריש־פאעטישע שאפן פון א ייד אין וועלכער ס׳איז שפראך, סיי העברייאיש סיי יידיש, סיי דייטש סיי ענגליש אדער אן אנדער לשון. א יסודותדיקע בדיקה פון די דיכטערישע יצירות פון יידן אין פארשיידענע שפראכעס באווייזט אז דאס ווארט כל־ישראל־חבירים איז געזאגט געווארן אויך פאר פאעטן. כלומר, הייסט דאס, אז די טעמעס זייערע זיינען דיזעלביקע, און זייערע פירו־שים זיינען בלויז יידישע וואריאציעס מיט אן אינדיווידועלן טעם.

היינריך היינעס דייטשע טענות צו גאט און זיינע אפיקורסיש־גלויביקע שאלות זיינען נאענטע מחשבה־קרובים פון ביאליקס העברייאישע אדער שטענ־צלס יידישע גאט־לידער. יהודה־לייב גארדאנס, יצחק למדנס, רחלס, אדער נתן זך׳ס העברייאישע תנך־געזאנגען זיינען יידישע פירושים פון נביאישע פסוקים און מדרש־אגדות צו די מעשי־אבות פונקט ווי יענע מדרשים און דערקלערונגען וואס מיר געפינען, למשל, ביי איציק מאנגערן, א. לעיעלעס אדער רחל קארן אין יידיש, אדער ביי נעללי זאכס אין דייטש, און ביי הובסבוים אין ענגליש. אייזיק ראזענבערגס ביטערע איוב־טענות אקעגן גאט אין ענגליש קלינגען אריבער צו יהודה עמיחיס העברייאישע שירים. מאנגערס יידישע בעל־שם־טוב לידער האבן זייערגלייכן ביי אמיר גלבוע אין עברית. און אינאיינעם מיט שטענצלס און גלאטשטיינס חסידישע געזאנגען האבן מיר די דייטשע חסידים־לידער פון נעללי זאכס. דער גייסטיקער חורבן פון כנסת־ישראל אין גלות ווערט באיאמערט פון עלזע לאסקער־שילער אין דייטש ווי פון יעקב גלאטשטיין אין יידיש. איבער די רויכן פון די אושוויצער גאז־אויוונס קלאגן מיט דעמזעלביקן איכה־ניגון קארען גרשון אין ענגליש, י. גלאטשטיין און א. נ. שטענצל אין יידיש, נעללי זאכס אין דייטש און אורי־צבי גרינבערג אין לשון־קודש. די יידישע ארצישראל־לידער פון א. סוצ־קעווער, י. גלאטשטיין אדער יוסף לעפטוויטש קלינגען אזוי ציונדיק תנכיש ווי די העברייאישע נ. ה. אימבערס אדער די ענגלישע פון ע. ליטווינאף, דני אבסי און י. רובסון.

הקיצור, דער יידישער דיכטער, דער אמת׳ער יידישער דיכטער, זינגט פון דער וועלט מיט א יידישן ניגון. די וועלט האט פאר אים א יידיש פנים. זענען דאך די זון און די לבנה אוודאי קאסמיש־טבע־דיק און פונדעסטוועגן



דער־בליקן יידן אין זייער דערשיינונג אלט־יידישע פנימער, משה׳ס פנים און יהושוע׳ס פנים. גאט און די וועלט, נאטור און געשיכטע ווערן יידיש אין יידישער פאעזיע. פון דאנען איז געדרונגען: יידישע דיכטונג איז יידישע עדותשאפט.

## קהלתדיק

וזה היה חלקי מכל עמלי — דאס איז געווען מיין חלק פון מיין גאנצער מי. אזוי האט דער טרויריקער קהלת געטענהט. און אזוי טענהט דער היינטיקער פאעט, אונדזער בעל־יובל. ער האט זיין לידער־בוך א נאמען געגעבן ,פון מיין גאנצער מי׳. און ער אליין איז זיך מודה אז דאס האט א קהלתדיקן קלאנג. און דאס איז דער גאנצער אמת. האט דאך דער פעסימיסטישער פילאזאף, זאגנדיק ,מכל עמלי׳ געמיינט אויך, און אפשר געמיינט דער עיקרשט, זיין אינטעלעק־טועלע מי. און ווי דער פארצייטיקער חכם־מכל־אדם האט אויך דער היינטיקער יידישער פאעט פארפאסט א דיכטערישן סך־הכל פון זיין ׳יידיש האב און גוטס׳. נור אחוץ קהלתן האט ער נאך כורך געווען אין זיין שמחה־שבעצבותדיקן ווערק מעשות פונעם חומש, ירמיה׳ס נחמות, און יחזקאל׳ס וויזיעס, אינאיינעם מיט מזמורים פון תהלים און לעגענדעס פון חסידים. און די דאזיקע תנך־קלאנ־גען שפילט ער אויף די סטרונעס פון דער אלטער יידישער בית־המדרש־גאס אין לובלין און דער נייער דשואיש סינאגוג־עוועניו אין ניו־יארק. דאס פינאלע פון דעם גאנצן איז די חורבן־מעלאדיע פון אושוויץ און דער גאולה־ניגון פון ציון. אין דעם געזאמעלטן סכום־הכולל געפונען מיר זיינע רעליגיעזע קאנפראנ־טאציעס מיט גאט אין זיינע פאעטישע פירושים צום תנך; זיין נייע באלייכ־טונג פון חסידות און זיין פערזענלעך דערלעבעניש פונם גורל פון יידישן פאלק אין גלות און אין ארץ־ישראל. און בין־הפרשיות הערן מיר אים זינגען זיין התלהבות פאר זיין יידיש־לשון, וואס איז דער חשובסטער טייל ,פון זיין גאנצער מי׳.

אין די געציילטע קורצע ברכה־שורות דא אין דעם מאמר איז נישט דער פלאץ צו געבן א פולע פרטימדיקע אפשאצונג פון אלע די יסודות און מאטיוון וואס זיינען אויבן דערמאנט. פאר אזא צוועק וועט מען דארפן מקדיש זיין א מער־באריכותדיקן קריטישן עסיי. דא וועלן מיר זיך באנוגענען מיט הוילע ראשי־פרקים און מיט בקיצורדיקע רמזים וועגן איין־איינציקן פון די אויביקע מאטיוון.

## תנכיש

אלע שעפערישע מוחות ביי יידן האבן זייער ליכט־צענטער אינעם תנך. פונעם תנך שטראלן ארויס די פונקן וואס די יידישע מוחות פון אלע דורות פלעגן באשאפן דערפון נייע גאט־מחשבות, נייע הלכה־דינים, נייע אגדה־מעשות, נייע משיח־האפענונגען און נייע מענטשהייט־אידעאלן. א טייל פון די מוחות זיינען דרשנים, א טייל זיינען פאעטן. מגידות און פאעזיע זיינען צוויי פאראלעלע צינורות פארן יידישן גייסט וואס שפייזט זיך פונעם תנ״ך. היינטיקע

רבנים און מאדערנע לערער וואלטן געקאנט א סך שעפן פאר זייער פעדאגאגישער חינוך־ארבייט פון די גייסטיק־קינסטלערישע אוצרות וואס זיינען פארגראבן אין יידישער פאעזיע.

אזוי ווי אין די קלאסישע ספרי־דרוש פון די גרויסע רבנים, אזוי האבן מיר אויך אין די פאעטישע ווערק פון היינטצייטיקע יידישע משוררים גייסטרייכע פירושים צו פסוקים און פרשיות פון תנך, דיכטעריש־דענקערישע אינטערפרעטאציעס וואס זיינען ארייגעוועבט אין דעם שלל־צבעימדיקן טעפּיך פון איצטיקן יידישן לעבן.

און אזוי ווי אין דעם פריריקן דיכטערישן מדרש־אגדה אזוי באגעגענען מיר זיך אויך אין די ווערק פון די נייצייטיקע שעפערישע פאעטן מיט די גרויסע געשטאלטן פונם תנ״ך. אלטע פיגורן מיט תמיד־נייע פנימער. זיי דערשיינען ווי פייער־זיילן צו באלייכטן דעם יידישן גורל און דאס יידישע לעבן. די זיילן זיינען אנטיק, אבער דאס ליכטיקע פייער איז ניי. יעקב גלאטשטיין׳ס תנך־לידער וועלן אונז דא דינען ווי א גיטע און כאראקטעריסטישע אילוסטראציע.

מיר באגעגענען ביי אים, למשל, אברהם־אבינו׳ן מיט שרה׳ן פון דער מערת־המכפלה; יצחק׳ן ביי דער עקידה; רחל אמנו ביי איר קבר. עס דערשיינען משה־רבינו, שמשון הגיבור און יחזקאל הנביא. זיי אלע האבן א נאציאנאלן ביי‌טייט. אנטקעגנדעם, למשל, זיינען די צוויי מלכים שאול און דוד אנגעווענד דווקא ווי משלים פאר אן אל־מענטשליכן מוסר־השכל.

אברהם — דער דיכטער קומט קיין ישראל. ער זוכט דארט דאס יידיש־לשון. באגעגנט ער זיך מיט אברהם און שרה׳ן קומענדיק ‚פון דער מערת־המכפלה׳. ער באגריסט זיי מיט א יידישן ‚גאט העלף׳. אברהם, דער חומרהדיקער העבראיסט, גייט שווייגנדיק די גאס אריבער. שרה אבער, א יידישע מאמע, טרייסט אים: ‚נעם זיך נישט צום הארצן, יענקעלע, ‚ער איז מבין כל דיבור׳. מיט אן איראנישן הומאר זאגט זי: ס׳איז דא אנגענומען אז א מאנסביל דארף יידיש שטומען; אבער א יידענע פון יידיש־טייטש האט אויך עפעס וואס צו זאגן׳. און מיט א מאמעדיקער נחמה גיבט זי אים די זיסע אילוזיע: ‚גלייב מיר, יענקעלע, ס׳וועט קומען א צייט, אז אלע עברית־קינדער וועלן אויפהערן יידיש שווייגן׳ (רעד צו מיר יידיש, 41).

יצחק — די עקידה איז אן אלטע יידישע טעמע. אבער מה־נשתנה די אוישוויץ־עקידה פון דער מוריה־עקידה? דער דיכטער גיט די טרויריקע תשובה: ‚אז מען האט דעם אלטן יצחק׳ — דאס הייסט דעם משוררס פאטער — ‚געפירט צו דער עקידה, האט ער אויפגעהויבן צום הימל די פארטונקלטע אויגן, געזאגט האט ער מיט א שטום א מידער: כ׳ווייס אז כ׳וועל איצטער זיין דיין ווידער׳. אבער — ‚קיין גוטער מלאך איז נישט אנגעפלויגן... דער אלטער יצחק האט אויף קיין לעמל נישט געווארט׳. אבער פונדעסטוועגן — ‚ווען מען האט אים גענומען בינדן צום מזבח... האט ער אויסגערופן מיט א שטים א מידער; הנני, כ׳בין גרייט צו זיין דיין ווידער׳ (מיין טאטע יצחק, 207).



רחל —ביים תנכישן נביא ‚וויינט רחל אויף אירע (פארטריבענע) קינדער, זי וויל זיך נישט טרייסטן׳. אבער גאט טרייסט זי: ‚די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער געמארק׳. ביים היינטיקן משורר לאכט זי, ווי ר׳ עקיבא האט א מאל געלאכט, ווייל ער האט געגלייבט אז די גאולה איז נאענט. ‚אז די פליטים זיינען נאענט צו דער מוטער רחל צוגעקומען, האט זי איינגאנצן אויסגעזען ווי ארץ ישראל ערד. א פרייד האט זיי אלעמען ארומגענומען. אבער אז מען האט די קינדער — פון די פאטריא־שיפן — מיט געוואלט גענומען רייסן פון דער ערד וויביימער, האט זיך נישט רחלס בעטנדיק געוויין, נאר א געלעכטער דערהערט. זי האט גאט געטרייסט ‚האט געגעבן צום הימל א טרייסטנדיקן בליק: אזעלכע קינדער וועלן קומען צוריק׳ (ווי די ביימער, 218).

משה — משה רבינו איז אין חומש (און אזוי ביי אחד־העם און ביאליק און אנדערע) א טראגישע געשטאלט. נישט ער, יהושע ברענגט אריין דאס פאלק אין זיין לאנד. ער האט נישט זוכה געווען צו זיין דער ‚גואל־צדק׳ בשלימות. אבער לויט יעקב גלאטשטיין, נאך דער מתי־מדבר־טראגעדיע פון אוישוויץ — האט משה ‚זיך דערווארט אויף א גרויסער זכיה׳, א ביטער־הייליקע משיח־זכיה. ער איז דער גואל. אבער נישט פון די לעבעדיקע, נאר פון די טויטע. ‚ער פירט דאס גאנצע טויטע יידישע פאלק, אין צוגעזאגטן לאנד׳. דאס איז א נייער מדרש־אגדה, א זייער טיפזיניקער מדרש, איבער משהן. דאס ציאניסטישע ישראל־וואונדער פון די לעבעדיקע מנהיגים, די מאדערנע יהושע־בן־נון׳ס, איז דאך נאר א קליינער מיעוט־שבמיעוט. דעריבער רופט דער דיכטער אויס — ‚דו לעבנדיקער יהושע־בן־נון, גיי אוועק אן א זייט׳ (משה רבינו, 88).

שמשון — אלע ביז איצט דערמאנטע אבות־געשטאלטן זיינען אין גלאטשטיין׳ס לידער פארבונדן מיט ‚אוישוויץ׳ און מיט ‚ישראל׳, די צוויי צענטערפונקטן פון אונדזער היינטיקער היסטאריע. די שמשון־געשטאלט דינט ווי א כלל־סימבאל פאר דער יידישער האפענונג אויף דעם חורבן פון די שונאים. ביים ענגלישן מילטאן איז שמשון א פרעפיגוראציע פון דעם געדולדיקן ישו; ביים יידישן דיכטער איז ער א סימבאל פון נצח־ישראל און נצחון פון ישראל — ‚די טמאים טאנצן. זיי זינגען, זיי מיינען זיי האבן אפגעווישט אים. אבער דגון ווייסט זיין בראך. ס׳איז די לעצטע נאכט פון די פלישתים׳ (שמשון, 90). די צוויי מלכים שאול און דוד זיינען שוין גארנישט פארבונדן מיט ספעציעל־יידישע אספעקטן. זיי באשפיגלען דא דעם אל־מענטשליכן גורל פון אפשוואכנדיקער אלטקייט, אפילו ביי א מלך; און זיי באווייזן די יאושדיקע פוסטקייט פון געוועלטיקן, אפילו אין דעם געוועלטיקן פון א מלך (שאול, 362; אבישג, 360).

יחזקאל — מיט דער פיגור פונעם נביא יחזקאל אבער הויבט זיך אן א נייע פרשה. א פרשה פון פרשנות. מיר קאנען, דא און איצט, נישט אריינגיין אין פרטי־פרטים וויאזוי דער פאעט האט אין זיין וואונדער־ליד פארשמאלצן צוויי גרויסע נאציאנאלע נבואות יחזקאלס און זיי, מדרש־מעסיק, פארטייטשט בקשר מיט דעם וואונדער פון שפראך, ווען דעם נביא ‚איז אנטפלעקט געווארן

ס׳געבורט פון לשון׳. די פארשמעלצונג פון צוויי באזונדערע קאפיטלעך, וואס האבן לכאורה גאר קיין שייכות נישט מיטאנאנד, איז מעשה־מדרש. ס׳איז א באוואוסטע מדרש־טעכניק (יחזקאל, 120).

תהלים — נאך איין גרויסן גלאטשטיין־פירוש מוזן מיר דא דערמאנען. דעם פירוש אויף על־נהרות־בבל. דאס אלטע ציון־ליד איז א שבועה נישט צו פארגעסן אין גלות דאס היימלאנד ישראלס. און דאס ליד ענדיקט אפ מיט א קללה אויף די שונאי ישראל. דער מאדערנער פאעט, אין זיין דיכטערישער דרשה־פאראפראזע, טייטשט דעם תהלים־מזמור גאר איבער. ביי אים איז דאס א שבועה נישט צו פארגעסן די אלטע גלות־היים אין טאג ווען דאס נייע הויז ווערט געבויט. ,אויב פארגעסן וועל איך די יידישע שטעט, זאל פארשטומט ווערן מיין צונג׳. און צום סוף קומט די קללה, א קללה אויף יענע וואס בויענדיק דאס איצטיקע לעבן פארגעסן דאס געוועזענע. ,זאל פארטרויריקט ווערן די האנט וואס בויט גאטס הויז . . . אויף א פונדאמענט פון פארגעסעניש׳ (אידישע שטעט, 43).

מען דארף אויך דא באמערקן אז די פאראפראזע איז א תרתי־משמעדיקער דרש. ,תשכח׳ הייסט קודם־כל, מעטאפאריש, ,פארטרויקט ווערן׳; אבער פשוטו־כמשמעו איז ,תשכח׳ אויך א רמז אויף ,פארגעסעניש׳. אויך די דאזיקע טעכניק איז די טעכניק פון מדרש.

שמות — א שיינע מדרש־פארבינדונג פון אלט און ניי איז אויך די פאראפראזע פון פרעה׳ס הבה נתחכמה לו — לאמיר זיך קליגן קעגן אים. אין חומש קליגן זיך די מצרים קעגן די יידן, כדי צו פאראייביקן זייער גלות. אין יעקב גלאטשטיין׳ס נייער פארטייטשונג זאלן זיך די יידן קליגן און באווארענען קעגן די מאדערנע מצרים־וועלט, וואס באדראָט זיי נישט מיט פיתום־שקלאפעריי, נאר מיט קולטור־טויט. ,לאמיר זיך ארומווארענען, לאמיר זיך אויסטראכטן ווי צו שטארקן אונזערע אפגעשוואכטע הענט. דאס דעווייילעכץ אונזערס, ווי א סוכה צונויפגעשלאגן, צופאלט. הבה לאמיר זיך קליגן׳ (הבה, לאמיר, 16).

ס׳איז א דרשנים־טראדיציע, פון מיטעלאלטער ביז ביאליקן, מפרש צו זיין די סוכה ווי א סימבאל פון גלות. אבער פריער האבן זיי אלע געמיינט דעם פיזישן גלות, גלאטשטיין — אנווענדנדיק די מדרש־טעכניק, צו פארקערן דעם סוביעקט־אביעקט סדר פונעם פסוק — מיינט דא דעם רוחניותדיקן גלות. לאמיר זיך קליגן קעגן מיתת־נשיקה.

## סוף - דבר

לויט דעם עיקר פלאן פון דעם ארטיקל וואלטן מיר דא נאך געדארפט שרייבן א קאפיטל ,חסידיש׳ — וועגן גלאטשטיין׳ס פירוש אויף ר׳ נחמן בראצלאווערס חסידים־תורה, פארבינדנדיק דאס יידישע תענית־מאטיוו מיט דעם סאציאלן מיטגעפיל פאר די הונגעריקע; ארייננטייטשנדיק קאסמישע צייט־און־וועלט רעיונות אין דעם טעגליכן מנחה־דאווענען; שפיגלענדיק דאס חסידישע ארצישראל־פארשמאכטן אין שפיגל פון די מאדערנע חלוצישע געשעהע־



נישן; און זיגנענדיק דאס לויב פון דער עולם־הזה־וועלט, וואו מען קאן ריידן און דיכטן, קעגן דער גן־עדן־וועלט, וואו מע מוז שטום זיין, בחינת לא־המתים־יהללו־יה. אויך די קאפיטלעך ,גאט׳, ,גלות׳, ,ארץ־ישראל׳ פעלן נאך דא אינעם תחום פון די יידישע מאטיוון. נישט צו רעדן פון די טעמען ,נאטור׳, ,ליבע׳, ,שפראך׳, וואס זיינען כלל־עניינים. אבער אפילו אין ראשי־פרקימדיקער באהאנדלונג וואלט דאס געווען אוממעגלעך צו טון דא און איצט. מיט דעם קאפיטל איבער די תנך־מאטיוון האפן מיר צו האבן באוויזן אז מדרש און מזמור, שיר און דרוש, מגידות און פאעזע זיינען גייסטיקע ברודער־און־שוועסטער, ואלו ואלו דברי תורת־חיים.

## יעקב גלאטשטיין

### ראש השנה (פון בוך „פון מיין גאנצער מי״)

מיין גלויבן, מיין אוּמגלויבן,
אפילו קיין אקער לאנד נישט,
אין גרויסן גבול פון צעשטערן און בויען.
איך בין אבער קיינמאל נישט געווען קיין געצנדינער,
נישט מחלל געווען די איבער־נאטור,
מיט פארגלאצטן פאנטעאיזם,
מיט גאט־פארקלערן.
אין אלע פארכטיקע טעג,
זאל עס מיר גערעכנט ווערן.

אויב ביסט אוועק פון מיר
אין אומברענג, קאטאקליזם,
האב איך דיך צומאל געזען
דורך דער פריזם פון מיין האנט.
מיין אמונה האט זיך נישט געגליטשט אויף גלאז.
איך בין קיינמאל נישט געווען — רעליגיאז.
כ׳ווייס אלץ נישט ווי מען איז מתפלל,
צו א גאט, וואס א דריטל פון זיין פאלק איז פארטיליקט,
וואס האט אונז גלייך באוויליקט —
א ווינקל פון אומרו
מיט אלע קנייטשן און נייע דאגות.

גיי ארויס, מיין בארוויס קינד, אין פעלד שפאצירן
און פיר אריין דאס נייע יאר,
א קליין קיעלע, אויף א זילבערן שטריקל.
זעץ זיך אוועק מעלקן
ישועות ונחמות פאר דער וועלט,
און איך וועל טרינקען די פרישע פרייד,
וואס וועט שוימען איבער דיינע פינגער.

## יוסף לעפטווייטש

### ו ו ד ו י

רבונו של עולם, הער זיך צו,
ווי איך רעכן אויס מיינע זינד.
כאטש דו ווייסט זיי בעסער
ווי איך ווייס זיי אצינד.

איך דארף זיי פאר דיר ניט דערמאנען.
נאר אײדער איך גיי
מוז איך מאכן א חשבון,
און דיר באצאלן פאר זיי.

איך בין לאנג דא געווען,
א גאסט אין דיין הויז.
מוז איך דיר דערפאר באצאלן,
אײדער איך גיי ארויס.

די וועלט וועט בלייבן נאך מיר,
אזוי ווי זי איז געווען.
פאטער אין הימל,
אײדער איך וועל גיין,

הער אויס מיין ווידוי,
הער אויס מיינע רייד.
לאמיך צאלן וואס איך בין דיר שולדיק,
און גיין געזונטערהייט.

### מזכיר נשמות

היינט וועל איך מיינע טויטע דערמאנען,
די לעבנס וואס זענען אין מיר פאראנען.
זייערע בלוטן רינען אין מיר ווי א טייך,
און געבן אריין אין מיר מיין לעבענס כוח.
די טייכן זענען אויסגעטריקנט און לער,
אבער זייערע וואסערן פליסן אלץ אין מיר.

ניט נאר אין מיר — און אנדערע אויך,
ווי ס׳וועט אמאל אין אנדערע צעטיילן זיך מיין טייך.
ווער ווייס פון וועמען יעדער טראפן רינט,
וואס פליסט אין מיינע אדערן אצינד ?

מיינע עלטערנס בלוטן זענען אין מיר מער.
נאר אנדערע אויך, וואס איך ווייסניט וואס און ווער,
טייכן וואס-זענען געלאפן נאר כדי
עטלעכע טראפן זאלן אריין און מיר פון זיי.



אמאל זענען אלע טייכן איין טייך געווען,
ווי אדם איז אמאל געווען דער גאנצער מענשן מין.

און אמאל וועלן מיר ווידער אלע זיין,
איין מענש, ווי דעמאלט ווען אדם איז געווען אליין,
און אלע לעבנס וועלן זיין צוזאמען.
היינט וועל איך מיינע טויטע דערמאנען.

## י. ריכטיגער

### דער דיאלאג צווישן חסידים און מתנגדים

מחמת דעם, וואס כמעט אלע רעקארדירטע וויכוחים צווישן חסידים און מתנגדים זענען סאטירישע : איינער מאכט חוזק פון צווייטנס ייִדישקייט אדער אינסינואירט וועגן דער עמי הארצות פון צווייטן, איז שווער אויסצוגעפינען דעם עיקרדיקן פונקט פון זייערע חילוקי דעות. מען קאן זיך אויך ניט סומך זיין אויף די פארשער פון חסידיזם, וואס האבן פארצייכענט דיאלאגן אין זייערע ווערק, ווייל זייערע מסקנות זענען געבויעט אויף די רעקארדירטע חסידישע און מתנגדישע אנעקדאטן, ניט אויף פערזענליכער אבסערוואציע. אז מען פארגלייכט די פארצייכענטע דיאלאגן פון די פארשער מיט דער אייגנער דערפארונג, זעט מען, דאס זייער אויספיר איז אין סתירה מיט דער ווירקלעכ־קייט, וואס עס ווייזט זיך טאקי ארויס פון די ווייטערדיקע ציטירונגען.

י. ל. פרץ האט אין זיין דערציילונג „צווישן צוויי בערג“ אימפראוויזירט א דיאלאג צווישן מתנגדים און חסידים מיט א וויכוח צווישן בריסקער רב און זיין געוועזנעם תלמיד — דער ביאלער רבי. אויף דער פראגע פון בריסקער רב — פארוואס ער איז אנטלאפן פון זיין ישיבה און געווארן א חסידישער רבי ? זאל דער ביאלער רבי האבן געענטפערט — אז די תורה אין דער בריס־קער ישיבה איז געווען פאר איז צו שטרענג, זי האט דערשטיקט אין אים די מענטשליכע געפילן און ארויסגעקוועטשט פון איז די נשמה. די תורה וואס ער האט דארט געלערנט איז געווען סאמע דין, זי האט ניט געהאט קיין ברעקל רחמנות, קיין פונק חסד. א תורה פון סאמע ברזל ונחושת — מיט חקים אויסגעהאמערט פון אייזן און מיט דינים אויסגעקלאפט פון קופער . . .

מיר אבער, וואס זענען אויפגעוואקסן אין מזרח אייראפע און דערצויגן געווארן אין חסידישע הייזער, האבן געזען — אז די בעל הבתישע יידן, וואס זענען געגאנגען דאווענען אין בית הכנסת : אין שול פון מתנגדישן רב, האבן אמאל אפילו ניט מקפיד געווען אויף א חק אדער דין פון תורת משה. בעת די מינדסטע חסידים פון קלויז זענען נזהר געווען צו עסן מצה שמירה אין פסח, גלאט כשר פלייש א גאנץ יאר און האבן געהאט נאך אנדערע סייגים, זיי זאלן חלילה וחס ניט נכשל ווערן אויף אן איסור דרבנן. דער אביעקטיווער אמת איז דעריבער להיפוך פון דעם וואס פרץ האט געשריבן אין זיין דערציי־לונג. — די שטרענגע תורה פון אייזערנע חקים און קופערנע דינים האבן די חברים פון ביאלער רבי, די חסידישע רביים איינגעפירט, ניט די חברים פון

בריסקער רב, די מתנגדישע רבנים.

אן אנדערן דיאלאג צווישן חסידים און מתנגדים געפינט מען אין ש. א. האראדעצקיס בוך „די פירער פון חסידיזם“. ער שטיצט זיך אויף דעם וויטערדיקן וויכוח פארצייכנט אין די חסידישע ספרים. רבי יעקב יוסף פון פאלנע זאל האבן פארגעווארפן דעם בעל שם טוב, אז ער דערנידעריקט דעם טיטל רבי ווייל ער חברט זיך מיט פראסטאקעס, מיט די שפלדיקע פון המון און ער ווייזט א שמייכעלדיק געזיכט צו קלים — לייכטזיניקע וואס זענען אפילו בעל עבירות וואס איז קעגן די טראדיציע פון ,די חכמים... און דער בעל שם טוב זאל אים האבן געענטפערט — אז ער האט א צווה פון זיין פאטער, ליב צו האבן גאט און דאס פאלק ישראל... איז ער מקיים די צוואה מיט רחמנות האבן אויף יעדן ייד, אפילו א בעל עבירה. און דער חכם דר. גאסטער, וואס האט געשריבן די הקדמה צום בוך פון ש. א. האראדעצקי, איז מסכים מיט אים אז די חסידישע באוועגונג האט זיך אנגעהויבן ביי די ארעמע, אונטערדריקטע און פארשטויסנע פון יידישן פאלק.

פארשטייט זיך, כדי אנצונעמען דעם דיאלאג פארן עיקרדיקן פונקט פון חילוקי דעות צווישן חסידים און מתנגדים, האט דאס מזרח אייראפעישע חסידיזם געדארפט האבן געוועזן א באוועגונג פון דער בידנער ארבעטער קלאס, פון דער הארעפאשנע מאסע, וואס פון דער גאנצער וואך עבודת הפרך האט זי קוים געהאט אויף שבת. אבער דערויף, אזוי ווי אויף די ציטירטע מעשה וועגן א וויכוח צווישן רבי יעקב יוסף און בעל שם טוב, זענען ניט פאראנען קיין פאקטישע באווייזן. — ניט אין אונזער צייט און אויך ניט אין דער צייט פון אונזער טאטעס אדער זיידעס, זענען שניידער, שוסטער, טישלער אדער אנדערע יגיע כפימניקעס און מכל שכן נאך קלים אדער בעלי עבירה געוועזן חסידים. אין די הונדערטער קלויזן פון מזרח אייראפע האט מען זעלטן אמאל אנגעטראפן א חסידישן בעל מלאכה, און אז עס איז אמאל געוועזן איינער אין א שטאדט, האט ער געהאט איבערגענומען בירושה דעםווארשטאט פון זיין שווער. דער רוב מנין ובנין פון חסידיזם איז געוועזן מענטשן פון מיטלקלאס, פאבריקאנטן, סוחרים, קרעמער, מעקלער און דעסגלייכן, וואס האבן זיך געשעמט צו זיין בעלי מלאכות און אפילו ניט געוואלט חתונה מאכן זייערע טעכטער מיט בעל מלאכות. דאס הייסט: אין דער ווירקלעכקייט איז געוועזן אומגעקערט — די חסידישע באוועגונג האט ניט ארייננגענומען אין אירע רייען די ארעמע, אונטערדריקטע און פארשטויסנע פון יידישן פאלק, זיי זענען געבליבן ביי די מתנגדים.

און מארטין בובער באהויפטעט אין זיין בוך „חסידיזם“, אז דער דיאלאג איז געווען געריכטעט קעגן דער העגעמאניע פון די מתנגדישע בני תורה איבער די עמי הארץ פון דער יידישער גאס. ער שרייבט — מען דארף אננעמען אז די הויפט סיבה פון חסידישן אויפקום איז געווען א רעוואלוציע פון עם הארצישן המון קעגן דער העגעמאניע פון די לומדים און זייער טראדיציע צו באהאנדלען די עמי הארץ מיט פאראכטונג. די חסידישע באוועגונג האט געש־



טרעבט צו ברענגען א ראדיקאלע ענדערונג אין דער יידישער גאס, זי האט געוואלט שאפן א נייעם סדר פון ווערטן, ניט דער עקספערט אין דער תורה זאל שטיין אין דער שפיץ פון פאלק, נאר די וואס לעבן זיך אויס אין איר, וואס זענען מקיים אירע מצוות אין טאג טעגליכן לעבן...

אבער אויך מארטין בובערס דיאלאג איז אין סתירה מיט דער ווירקלעכקייט. לויט אים האבן די בתי כנסת, די שולן פון מתנגדישע רבנים געדארפט זיין פול מיט תלמידי חכמים און די קלויזן פון חסידישע רביים פול מיט עמי הארץ. פאקטיש האט זיך אין די שולן, אחוץ דעם מתנגדישן רב, געפינען זער ווייניק בני תורה און אין די קלויזן איז אויסער עטלעכע נגידישע עם הארצים, וואס זענען געווארן טיש־זיצער ביי די רביים פאר א גרויסן פדיון, געווען דער רוב בני תורה. אויך פריער, פאר אונזער צייט, איז ניט געווען אנדערש, דער גרינדער פון חסידיזם רבי ישראל בעל שם טוב האט געקאנט לערנען און איז געווען א בעל מקובל, ווי מען זעט דאס פון די חסידישע מעשהלעך וועגן זיינע לומדישע וויכוחים און זיינע ערשטע תלמידים זענען געווען בארומטע למדנים. די חסידישע באוועגונג האט אויך ניט ארייננגעבראכט אין דער יידישער גאס קיין שום ענדערונג פון ווערטן, מען האט ווייטער אין די יידישע שטעדט און שטעדטלעך הויכגעשעצט דעם למדן, צו ער איז געווען א מתנגד אדער א חסיד, און דער ארעמער עם הארץ, צו ער איז געווען פרום אדער ניט, איז געבליבן זיצן אונטערן אויווען פון שול און קלויז.

דער היסטארישער אמת איז — אז ניט פון א רעליגיעזן רעפארם אין שול אדער פון א סאציאלן אויפשטאנד אין דער יידישער גאס האט זיך געשאפן די חסידישע באוועגונג, נאר זי איז געקומען פון א שפאלטונג צווישן די בני תורה אין בית המדרש, דורות לאנג האבן די בעלי הלכה געלערנט גמרא און די בעלי קבלה געלערנט זהר אין די זעלבע בתי מדרשים, דולדנדיק איינע די צווייטע, ביז צו דער משיח אוואנטורע פון שבתי צבי... ווען שבתי צבי האט, אין ראש השנה תכ״ו — גראד מיט דריי הונדערט יאר צוריק, אויסגערופן בעתן שופר בלאזן אין דער שול פון איזמאר, טערקיי, אז ער איז דער לאנג דערווארטעטער הימלישער משיח, האבן די בעלי קבלה פארלאזט די בתי מדרשים פון די אומגלויביקע אדער זענען פארטריבן געווארן, ווייל זיי האבן אים פארגעטערט און מצרף געווען זיין נאמען מיטן שם הויה אין די ברכות און תפילות. פארשטייט זיך, נאך שבתי צבים אפשמאדן זיך אויף טערקיש, האט דער גרעסטער טייל פון די מקובלים זיך אפגעשאקעלט פון אים. אבער דער חשד איז געבליבן אויף זיי, דאס זעט מען פון דער ביטערער מחלוקה און גיפטיקע שנאה צווישן רבי יעקב עמדין און רבי יונתן אייבשיטץ, האבן די בעלי קבלה געשאפן די חסידישע באוועגונג מיט אייגנע קלייזלעך, ווו זיי האבן אומגעשטערט געקאנט אנשטאט שבתי צבי מצרף זיין די שכינה מיט גאט.

די עיקרדיקע חילוקי דעות צווישן די חסידים און מתנגדים איז טאקי געווען וועגן דער אידיי פון אחדות אלהים: איין איינציקייט פון אלמעכטיקן.

אויף דעם דיאלאג האט אנגעוויזן רבי יחזקאל לאנדוי, און ער איז דער איינציקער אויטענטישער, ווייל מען געפינט אים אין זיין ספר „נודע ביהודה“. ווען די חסידישע רביים האבן איינגעפירט צו זאגן פארן אנטוען דעם טלית און פאר אנדערע מצוות דעם „לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה“: מיט דער מצווה בין איך אויסן צו פאראייניקן גאט מיט זיין שכינה, האט רבי יחזקאל לאנדוי געזען אין דעם א בפירושע מינות: א טענדענץ פון געצנדינסט, ווייל דערמיט ווערט די טראדיציאנעלע אידיי פון אחדות אלהים: איין איינציקייט פון אלמעכטיקן פארוואנדעלט אין א צוויי איניקייט. האט רבי יחזקאל לאנדוי געזאגט דערויף אין זיין ספר „נודע ביהודה“ (יורה דעה סימן צ״ו) — די חסידים מאכן חרב דעם דור און אויף דעם פאריתומטן דור דארף מען פארענדערן דעם פסוק אין הושע (י״ד) „כי ישרים דרכי ד׳ וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם“ אויף „וחסידים יכשלו בם“: רעכט זענען די וועגן פון גאט, די צדיקים גיין אין זיי און די חסידים ווערן געשטרויכעלט אין זיי . . .

שפעטער האבן די לצני הדור בייגעגעבן צו דעם דיאלאג אן אנעקדאט, זיי האבן דערציילט — ווען די ערשטע אויסגאבע פון „נודע ביהודה“ איז געווען אויספארקויפט און רבי יחזקאל לאנדוי האט באשטעלט א נייע, האבן די חסידים איבערגעקויפט דעם דרוקער, האט ער פארענדערט דעם „וחסידים יכשלו בם“ אויפן אריגינאל „ופושעים יכשלו בם“. זעענדיק דאס האט רבי יחזקאל לאנדוי געזאגט — פארוואס האבן זיי קאליע געמאכט, וואס איך האב מתקן געווען? איך האב פון פושעים געמאכט חסידים און זיי האבן פון חסידים געמאכט פושעים... (א. דריאנאוו „ספר הבדיחה והחדוד“ ח״א ד. רנ״ח.)

שמואל ווהייט

## ר ע ג ן

היינט האט רעגען דערציילט,
אויף זיין אייגענע שפראך,
אזוי פיל, אזא סאך.
זון ליכט האט פון וואלקענס
זיך העלער אויסגעלייטערט.

צעפענט מיט לויטער ליכט
האט דיאמאנטען טוי
געבאדען זיך אין הימעלבלוי,
מיט חן געבאדען מיר

דער רעגענטראפ
זינגט מיר א זיס ליד,
זינגט אין ווערט ניט מיד,
דופעטענדיק ווי א
צעפענטער רויזקנאספ.

דיין ליבליכעס געזוכט . . .
— — — — — — — .
רעגענטראפ זינגט א ליד
זינגט אין ווערט ניט מיד . . .

---

מזל טוב פריינט **נחמן רובין** (סעקרעטער פון לשון און לעבן) און **פרוי**, צו די תנאים פון זייער זין **שלמה קלמן** מיט **אדערי ראטמאן** — פיל נחת און גליק.

א. נ. שטענצל



משה בעקערמאן

## רייזע איינדרוקן

דער געדאנק צו באזוכן יוגאסלאוויען איז ביי מיר געבוירן געווארן מיט א יאר צוריק בעת מיין רייזע פון ניצא קיין פאריז. ביי מיר אין קופע איז געווען גאנץ באקוועם; די עטלעכע יוגנטלעכע פאסאזשירן האבן זיך פארהאלטן גאנץ אנשטענדיק, זיך נישט צעשפרייט אין דער לענג און אין דער ברייט, ווי עס איז איצט אין דער מאדע. אויך האבן זיי אייך נישט „דערקוטשעט“ מיט זייערע שארף־שפיציקע קאמאשן.

די אטמאספערע איז געווען א געמיטלעכע.

איך האב אויסגענוצט די געלעגנהייט, אונטערן ריטמישן קלאנג פון די רעדער איבער די רעלסן, צו כאפן א דרימל. ביסלעכווייז אבער האט זיך אט דער ריטמישער קלאנג צונויפגעגאסן מיט א גיטארע־שפילן און א זינגען פון לידער. שטיל, צום טאקט, האבן זיך אנגעהויבן הערן נייע טענער, וואס זענען ביסלעכווייז געווארן העכער, גיכער און האסטיקער, ווי זיי וואלטן געוואלט איבערהילכן די רעדער.

אזעלכע געזאנגען, האב איך מיר געטראכט, קענען נאר קומען פון סלאווישע מענטשן, אבער עס זענען דאך נישט געווען קיין סלאוון אדער רוסישע טוריסטן; דערין בין איך געווען זיכער. מאדנע, אט די ריטמען האבן נישט אויסגעזען צוצוקומען צו די אויערן פון מיינע מיטרייזענדע.

האב איך איבערגעלאזט די דאזיקע פראנצויזישע מיטפאסאזשירן מיינע און געגאנגען אין דער ריכטונג, פונוואנען די קלאנגען פון דער גיטארע האבן זיך געלאזט הערן. איך האב נישט געדארפט ווייט גיין. אין אן אנדערער קופע פון זעלבן וואגאן האב איך מיך אנגעטראפן אויף א גרופע יונגעלייט, וואס האבן פארנומען נאך קופעס, אויפגעליינטע, פריילעכע און אין א געהויבענער שטימונג.

היות צווישן זיי זענען געווען אזעלכע, וואס האבן גערעדט רוסיש און אנדערע, וואס האבן גערעדט אביסל ענגליש, איז מיר נישט אנגעקומען שווער זיך צו פארשטענדיקן מיט זיי. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז דאס זענען יוגאסלאווישע סטודענטן אויף א וואקאציע־טור איבער אייראפע, אונטער דער באגלייטונג פון זייער פאקולטעט־פראפעסאר.

מערקווירדיק ווי גיך ס׳קען אנטשטיין א פריינטשאפט מיט א גרופע מענטשן! ס׳איז אודאי מעגלעך, אז ביז איצט האט זיך קיינער ניט אינטערעסירט מיט זיי און מיט זייער מוזיק און געזאנג. שוין זיץ איך צווישן זיי אין זייער קופע און מען באווארפט מיך נישט בלויז מיט קשיות, נאר טאקע אויך מיט כזיתן סאלדאטסקע שווארץ ברויט, שטיקער וואורשט, פירות, פאפיראסן און אפילו שנאפס. ווען איך עס אויף בלויז א דריטל פון די מאכלים, וואלט איך קיין פאריז שוין נישט דערפארן, א פשיטא שוין קיין לאנדאן!...

עמיצער האט ארייגגערופן דעם פראפעסאר — א מענטש אין די דרייסיקער יארן, פון יענע הויך־געבילדעטע, וואס בלאזן נישט פון זיך. א שמועס האט

זיך אנגעהויבן שפּינען איבער געשעענישן אין דער וועלט לעצטנס, איבער די הלוואות, וואס יוגאסלאוויען באקומט ביי אמעריקע, איבער דער ענגלישער פּרעסע און ענלעכע ענינים. אן אינטימקייט האט זיך אנגעהויבן פילן צווישן אונז.

עס איז שוין געווען האלבע נאכט, ווען איך האב זיי פארלאזט און מיך אומגעקערט אין מיין קופּע אריין. דער צוג האט געדארפט אנקומען קיין פּאריז ארום אכט אזייגער אין דער פרי.

א שעה פארן אנקומען קיין פּאריז קומט אריין צו מיר אט דער פּראפעסאר אליין בכבודו ובעצמו, דערלאנגט מיר זיין וויזיטקארטע און זאגט מיר, אז ער פּערזענלעך און אויך זיין גרופּע סטודענטן וואלטן געווען העכסט צופרידן זיך צו באגעגענען מיט מיר ביי אן אנדערער געלעגנהייט — טאקע אין בעלגראד! ניין, ס'איז נישט געווען לפּנימדיקע העפלעכקייט, מיט וועלכער מען באגעגנט זיך אפּטמאל אויף א רייזע; אזוי צו זאגן פון יוצא וועגן. עס האט מיך אביסל גערירט, און איך האב ממש צוגעזאגט, אז קומענדיקן זומער וועל איך זיין ביי זיי אין דער הויפּטשטאט.

מיר האבן אפילו אנגעקניפּט א קארעספּאנדענץ צווישן אונז. אויף זיין פאר־לאנג האב איך אים גענומען שיקן די לאנדאנער זונטאג־צייטונג „דהי אבזער־ווער", וואס איז נישט צו באקומען אין בעלגראד.

* * *

פון ניצא קיין בעלגראד פארט מען איבער צפון־איטאליען. עס איז אבער נישט פון די לייכטע זאכן צו מאכן אט אזא נסיעה, וואס דויערט אן אפּשטעל גאנצע דרייסיק שעה. נאר ווי קען מען עס פארבייפארן א לאנד און זיך נישט אפּשטעלן צו כאפּן א בליק וואס עס טוט זיך דארט? מיר איז עס ממש נישט צום הארצן און גאנץ איינפאך — אוממעגלעך.

האב איך מיך טאקע אפּגעשטעלט אויף אייניקע טעג אין מילאן, די צווייטע הויפּטשטאט פון איטאליען. פון יידישן וועלט־קאנגרעס, וואס פּרעטענ־דירט צו שטיין אין קאנטאקט מיט קהלות אין אייראפּע, איז מיר נישט געלונגען צו באקומען וועלכע עס איז ידיעות בנוגע אזעלכע אדער אנדערע יידישע ארגאניזאציעס . . . דער סוף איז געווען, וואס כ'האב אליין געמאכט מיינע וואנדערונגען איבער מילאן און צוזאמען מיט אנדערע טוריסטן אונטער דער באגלייטונג פון א וועג־ווייזער.

אזוי האבן מיר באזוכט די קאטעדראלע אין מילאן, די סקאלא־אפּערע און די בתי־עלמין. הגם אט די קאטעדראלע איז די דריט גרעסטע אין דער וועלט— סאנקט פּעטערס אין רוים איז די ערשטע, סאנקט פּאולס אין לאנדאן די צווייטע און די קאטעדראלע אין מילאן די דריטע — רופט זי זיך נישט אויפן נאמען פון קיין היילִיקן, ווי די ערשטע צוויי, נאר סתם קאטעדראלע אדער „דואמא", אויף איטאליעניש. דארטן געפינט זיך די גרעסטע ארגל, מיט נישט ווייניקער ווי פופצן טויזנט רערן; נישטא קיין אנדערע ארגל אירס גלייכן אין דער וועלט. פיר טויזנט מענטשן קענען דארט אריינגיין אין דער קאטעדראלע.



מערקווירדיק איז געווען די התלהבות, מיט וועלכער דער יידישער וועג־ווייזער האט גערעדט צו אונז טוריסטן איבער דער געשיכטע פון יעדן פענסטער דארטן, פון יעדער וואנט, יידן בילד, וואס באצירט אט די קאטעדראלע פון דרויסן אדער פון אינעווייניק.

צווישן מאטינעס און אוונט־פארשטעלונגען אין דער סקאלא־אפּערע לאזט מען אריין טוריסטן זען ווי דאס טעאטער זעט אויס. אחוץ דעם טעאטער־זאאל אדער אודיטאריום געפינען זיך דא זייטיקע זאאלן, מיט כלערליי אויסשטעלונ־גען, פון סקולפּטורן, ביכער און אריגינעלע מאנוסקריפּטן פון מוזיק. זיכער דארף מען אסך מער צייט ווי די האלבע שעה דא דערלויבט, כדי ווירקלעך צו געניסן פון אט דער קולטור־אויסשטעלונג.

אזוי גיך ווי איר קומט ארויס פון אט דער פּרעכטיקער קולטור־געביידע, לויערן שוין אויף אייך די „נישט אזוי קולטורעלע" גאסן־הענדלער, וואס ווילן אייך פארקויפן אייז־קרעם, פּאסטקארטלעך. זיי זענען אפילו קאפּאבל אייך א רעשט צו געבן פון אן ענגלישן פונט אדער פון א פינף דאלארדיקן באנקנאט.

ווי אומעטום, געפינען זיך די בתי־עלמין אויסער דער שטאט. דא אהער קומט מען נישט אויף קבר־אבות אדער צו זען וועלכע בארימטע פּערזענלעכ־קייטן עס זענען דא געקומען צו קבורה, נאר פּשוט צו שעפּן נחת פון די מאנו־מענטן און מצבות, צו באוואונדערן די ארכיטעקטור פון די מאוזאלעאומס און די אינערלעכע און אויסערלעכע באצירונגען.

איר וועט מסתמא וועלן וויסן פארוואס איך זאג בתי־עלמין. דער אמת איז, אז דא געפינען זיך נישט ווייניקער ווי גאנצע דריי: ערשטנס, דער קאטוי־לישער, צווייטנס, דער פּראטעסטאנטישער און דריטנס, דער יידישער. דער פּראטעסטאנטישער ליגט אויף רעכטס פונם קאטוילישן און דער יידישער פון לינקס.

פאלט מיר איין צו פרעגן דעם וועגווייזער צי מיר וועלן באזוכן אלע דריי בתי־עלמין. ענטפערט ער, אז נישט; בלויז די ערשטע צוויי. וויל איך דאך נאטירלעך וויסן פארוואס. גיט ער מיר צו פארשטיין, אז טוריסטן, בדרך כלל, אינטערעסירן זיך נישט מיטן יידישן בית־עולם, ס'איז דארטן דא ווייניק וואס צו באוואונדערן.

מוז איך מיך מודה זיין, אז איך בין גארנישט אזוי „זשעדנע" געווען צו באוואונדערן „זייערע" בתי־עלמין. האב איך מיך טאקע ארומגעדרייט איינער אליין, ווי א יתום, אויפן יידישן גוטן־ארט, וואס לגבי די אנדערע צוויי האט אויסגעזעען אזוי דערשלאגן, אזוי פארוואלאזט. איך פארשטיי אבער עד־היום נישט פארוואס יידן מוזן זיך דאס שטופּן צו באוואונדערן „די הויכע ספערן" פון א גוישן צמענטאזש!

מילאן איז איטאליענס צענטער פון אינדוסטרי, פינאנץ און קולטור. אירע היסטארישע און מאדערנע געביידעס רייסן זיך ממש אין הימל אריין. מען זעט אויך דא וואלקנקראצערס פון סאמע לעצטן טיפּ, אבער די טראמווייען זענען גארנישט אויס אזוי מאדערן. דערצו דארף מען נאך זיין תמיד גרייט,

איבערהויפּט טוריסטן, צו בענטשן גומל יעדעס מאל ווען מען גייט אריבער די בשלום.

אפּגעפאָרן בין איך פון מילאַן מיטן „אָריענט־עקספּרעס“, א צוג וואָס פאָרט פון קאַלעי קיין גריכנלאַנד. איין און צוואנציק שעה שפּעטער האָב איך מיך געפונען אין בעלגראַד. דאָס פּרעכטיק־שיינע וועטער, וואָס האָט מיך באַגלייט פון ניצא איבער דער פראַנצויזיש־איטאַליענישער בלויער ריוויערא אַזש ביז דער יוגאָסלאַווישער גרענעץ, האָט זיך פּלוצלינג געענדערט אין טיטאָס מדינה. א קאַלטער רעגן האָט געשמיסן די שויבן פונם אָריענט־עקספּרעס במשך פון די לעצטע פינף שעה פון מיין נסיעה.

אַכט אַזייגער אין דער פרי, ווען כ׳בין אַרויס פון וואַגאָן, האָט שוין געוואַרט אויף מיר מיין פריינט, פּראָפעסאָר ראַזשיטש. דער קבלת־פּנים האָט אייך ממש גערירט. איך פּערזענלעך האָב אים געשריבן, אַז כ׳וועל אים טעלעפאַנירן פון האָטעל נאָך מיין אָנקומען, ער אָבער האָט זיך מקדים געווען און געקומען מיך אָפּנעמען ביי דער באַן! טאַקע מיט זיין אייגענעם אויטאָ האָט ער מיך אָפּגעפירט אין האָטעל אַריין, מיר פאַרזיכערנדיק, אַז ער וועט קומען מיך זען די מערסטע צייט פון מיין ווײַלן אין בעלגראַד; אַזוי האָט ער עס אַראַנזשירט. נישט געוואָלט הערן פון מיינע קווענקלענישן, אַזוי, אַז לית ברירה האָב איך אָנגענומען זיין גאַסטפריינטלעכקייט.

דאָס וועלן מיך באַקענען מיטן יידישן לעבן אין יוגאָסלאַוויען בכלל און אין בעלגראַד, בפרט, איז געווען אַן אַנדער סבה וואָס האָט מיך באַוואויגן צו מאַכן אַט אַזאַ לאַנגע רייזע. ווייסן מיר דאָך אַזוי ווייניק בנוגע דעם לעבן פון אונזערע יידישע ברידער אין אַט דעם ווייטן לאַנד, וואו עס עקזיסטירט נישט קיין צענטראַלע יידישע אָרגאַניזאַציע און עס איז אויך נישט פאַראַן קיין גענויע סטאַטיסטיק אין שייכות מיט יידן. אָן אַט דעם סערבישן פּראָפעסאָר וואָלט מיר פּשוט נישט געווען מעגלעך אויפצוזוכן וועלכע עס איז נישט יידישע אינסטיטוציע, איבערהויפּט אין אַט דעם ווינט און רעגן.

אין בעלגראַד האָב איך באַזוכט די איינציקע יידישע אינסטיטוציע און גערעדט מיט א פאַרוואַלטערין, וואָס רעדט ענגליש — מרים שטיינער — א פליייסיקע, איבערגעבענע פרוי אין די דרייסיקער יאָרן. פון די פינף און זיבעציק טויזנט יידן פאַר דער מלחמה אין לאַנד, אַזוי האָט זי מיר איבערגעגעבן, זענען בלויז איבערגעבליבן לעבן פופצן טויזנט אין די לאַגערן. דרייצן טויזנט פינף הונדערט האָבן זיך אומגעקערט אַהיים און דער גורל פון די איבעריקע פופצן הונדערט איז נישט באַקאַנט.

פון די צוריקגעקומענע אַהיים האָבן זיבן טויזנט פינף הונדערט אויסגעוואַנדערט קיין ישראל, אַזוי, אַז היינט־צו־טאָג ציילט די יידישע באַפעלקערונג פון יוגאָסלאַוויען נישט מער ווי זעקס טויזנט נפשות. זיי קאָנצענטרירן זיך אין דריי שטעט: בעלגראַד — צוויי טויזנט, סאַראַיעוואָ — צוויי טויזנט און זאַגרעב — פופצן הונדערט, די איבעריקע זענען צעשפּרייט אין קליינע גרופּן, מערסטנס ביים אַדריאַטישן ים־ברעג. טעלעכע יידן קען מען טײלמאָל געפינען



לעבן אין כמעט איזאָלירטע מקומות.

מיט איניקע יאָר צוריק האָט א יידיש פאַרפּאָלק פון לאָנדאָן געוויילט אויף זייערע וואַקאַציעס אין אַט אַזאַ מקום. מאַכט זיך, אַז די פרוי איז פּלוצלינג געשטאָרבן. האָט דער איינציקער ייד פון יענעם מקום געהאַט אַסך צרות ביים צונויפברענגען א מנין פון די דערפלעך אַרום צו דער קבורה. קיין מת פון לאַנד טאָר מען נישט אַרויספירן לויטן יוגאָסלאַווישן געזעץ.

דער יידישער קהלה־בנין געפינט זיך אויף דער גאַס פון „זיבעטן יולי“ און פאַרנעמט א גרויסן חלק פון דער פיר־שטאָקיקער געביידע. דער רעליגיעזער אָנפירער פון דער געמיינדע איז, ביז מיט צוויי יאָר צוריק, געווען רבי ווייס. ער לעבט נישט מער. אין דער זעלבער געביידע געפינט זיך אויך א יידיש־היסטאָריש מוזעאום און א שול צום דאַווענען.

מיין כוונה ספּעציעל צו באַזוכן דאָס מוזעאום האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. מען האָט גראָד דעמאָלט געהאַלטן אין רעמאָנטירן דאָס הויז און די פאַרוואַלטערין פונם מוזעאום, ד״ר נעדאַ נעדאַמאַטשקי, האָט זיך געפונען אויף א באַזוך אין מדינת־ישראל.

די שפּראַך פון די יידן אין יוגאָסלאַוויען איז די שפּראַך פון לאַנד, אָבער מען רעדט אויך דייטש. איניקע קענען העברעיש. דער עלטערער דור רעדט נאָך צוביסלעך יידיש, אָבער זער ווייניק. פונדעסטוועגן קומט דאָס יידישע וואָרט צום אויסדרוק פון צייט צו צייט. מיט עטלעכע חדשים צוריק, למשל, האָט דער בעלגראַדער יידישער כאָר, וואָס באַשטייט פון פופציק פּערזאָן, געגעבן א קאָנצערט פון יידישע פאָלקסלידער און אויך איניקע העברעישע. דער זאַאַל איז געווען גוט באַזוכט.

א טעגלעך בלעטל ווערט דאָ אַרויסגעגעבן פאַר יידן וועגן לאָקאַלע און אַלגעמיינע יידישע פּאַסירונגען. עס איז אין דער לאַנדשפּראַך, אָבער נאָר וויכטיקע ענינים ווערן געגעבן פּעריאָדיש אין א רעזומע אויף ענגליש.

עפּעס א פּעולה אויף דער מאַדאַם שטיינער, זעט אויס, האָט מיין שמועס מיט איר יאָ געהאַט. איניקע וואָכן נאָך מיין אָפּפאָרן האָב איך פון איר דערהאַלטן א בריוו, אין וועלכן זי שרייבט מיר בזה הלשון: „די שווערקייט פאַר אונז צו דערלערנען די יידישע שפּראַך איז דער דוחק אין לערן־ביכער. אויב איר קענט אונז שיקן ביכער אויף דער געביט, וואָלט דאָס געווען פאַר מיר און אַלע מיינע פריינט א גרויסע הילף צו דערלערנען די שפּראַך, וועלכע איר מיינט ווערט פאַרשוואונדן ביי אונז און מיר וואָלטן זיך באַקענט מיט די ביכער אין אונזער ביבליאָטעק אין זייער אָריגינאַל“.

מאַדאַם שטיינער האָט אויך די אויפזיכט צו שיקן גרופּעס יידישע קינדער אויף וואַקאַציע זומער־צייט.

דער „דזשאָינט“, האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, העלפט אַסך דער קהלה אויסצופירן אירע פונקציעס.

איין אָוונט בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו א פריינט פונם פּראָפעסאָר. ער און זיין פרוי האָבן מיך באַגלייט אַהיים. באַלד איז מיר קלאָר געוואָרן אַז

דער צוועק פון אט דער איינלאדונג איז געווען מיך צו באקענען מיט א ייד, וואס פארנעמט א הויכן פאסטן אינם אויסערן מיניסטעריום, א ראטגעבער, וואס באגלייט דעם מארשאל טיטא אויף זיינע רייזעס קיין אויסלאנד.

אן צערעמאניעס, ווי אן אלטן באקאנטן, האט ער מיר דערלאנגט א ברייטן שאלאם! עס איז געווען דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן מיך צו געפינען אין א שטוב, וואו מען רעדט נישט קיין ווארט יידיש. דאך איז די סביבה געווען אן עכט יידישע, ווי די לופט אליין וואלט געווען אנגעזאפט מיט יידישקייט, מיט יידישער טראדיציע, מיט יידישע התנהגות און מיט יידישן הומאר.

עס איז נישט נויטיק געווען קיין ווערטער אנצוהאלטן א שמועס. דער קעגנזייטיקער צוטרוי, אנטשטאנען אינסטינקטיוו, האט אונז געמאכט רעדן איבער דעם און יענעם; פון עקאנאמישע פראבלעמען ביז צו שלום־עליכמס העלדן. מען האט גערעדט איבער דער אינטערנאציאנאלער לאגע, פון אנטיסעמיטיזם אין די מערב־לענדער און אפילו פון די כעלעמער חכמים.

איך, נאטירלעך, האב מיך געוואלט בארימען מיט מיין קענטעניש אין הלכות כעלעמער חכמה. האב איך צעלייגט אויף טעלערלעך דעם געניאלן איינפאל פון די כעלעמער קאפ־מענטשן צו באשטימען, אז די באד איז שוין גענוג אוועקגעשטופט פון טייך. הערט ער מיך אויס גאנץ געדולדיק, און דאן נעמט ער ארויס א בוך אויף סערביש און ווייזט מיר צענדליקער אזעלכע מעשיות אין איבערזעצונג! . . .

קלאר, עס איז פאר מיר געזעסן א ייד א תלמיד־חכם, באהאוונט אין דער אלטער און מאדערנער העברעישער ליטעראטור; א הארציקער וועלט־מענטש אין פולן זינען פון ווארט.

שפעט אין אוונט האט מען מיך אפגעפירט צוריק אין מיין האטעל אריין. געזעגנט האט מען זיך נישט ווי צוויי צופעליק באקאנט געווארענע, נאר ווי ידידים פון לאנגע צייטן. אויף זיין וויזיטקארטע האב איך געקענט לייענען: צאדיק דאנאן. ער שעמט זיך נישט מיט זיין יידישן נאמען צווישן זיינע סערבישע קאלעגן ביי דער רעגירונג.

דעם צווייטן טאג, א זונטאג, האב איך פארלאזט בעלגראד. עס איז נאך אלץ נישט געווען קיין בעסערונג אינם וועטער, נאר א שלאקס־רעגן. ווען באלד נאך פרישטיק מיין פריינט איז געקומען צום האטעל און זיך דערוואוסט, אז איך פאר אן א רעגנמאנטל, האט ער אן שום שהיות אראפגענומען פון זיך זיין מאנטל און אים ארויפגעצוואונגען אויף מיר. פראטעסטן האב איך געפילט אינסטינקטיוו וועלן דא נישט העלפן, ער קען זיך נאך געפינען באליידיקט.

מיר זענען, קודם־כל, ארומגעפארן איבער די שפייז־געוועלבער איינצוקויפן פראוויאנט אויף מיין לאנגער נסיעה. דאן האט ער מיך גענומען אויף א טור צו ווייזן וויכטיקע פונקטן אין און ארום בעלגראד. אונטערן נאמען „ניי בעלגראד“ בויט זיך איצט א מאסיווע שטאט, וואס וועט איבערנעמען די ראלע פון דער אלטער שטאט.



ניי בעלגראד בויט זיך אן ערך זעקס־אכט מייל אויף מערב זייט פון דער אלטער שטאט. אירע גיגאנטישע ברייטע און הויכע געביידעס ווארפן זיך אין די אויגן אריין פון פאסאזשירן. נישט צונויפגעדריקט, נאר צעשפרייט איבער גרויסע שטחים בויט מען אט די געביידעס. עס געפינען זיך שוין דא געוויסע רעגירונגס־אנשטאלטן, מוזעאומס, טעכנישע שולעס און אנדערע אינסטיטוציעס.

דער מאנומענט לזכרון די פערציק טויזנט קרבנות פון היטלעריזם געפינט זיך אין דער אלטשטאט. דעם מארשאל טיטאס רעזידענץ, אן איבערבלייבעניש נאך פון דער עסטרייכיש־אונגארישער מאנארכיע, געפינט זיך אויסערהאלב דער שטאט. אן איינדרוקספולן מאנומענט פאר די יידישע קרבנות פון נאציזם האט מען אויפגעשטעלט אין ניי בעלגראד און א דריטן מאנומענט, צו ערן דעם אומבאקאנטן יוגאסלאווישן סאלדאט, האט מען געשטעלט אויף א בארג, אן ערך זעכצן קילאמעטער פון ניי בעלגראד. נישט געקוקט אויפן גאסרעגן, זענען מענטשן כסדר געגאנגען בארג־ארויף צום מאנומענט און בארג־אראפ.

פון בעלגראד בין איך אפגעפארן אזייגער זיבן אין אוונט. מיין פריינט דער פראפעסאר האט נישט פארלאזט דעם פעראן ביז דער צוג איז נישט אפגעגנגען, פאכענדיק מיט א טיכל ביז דער צוג איז פארשוואונדן פון בליק.

א טאג האב איך נאך פארברענגט אין טריעסט און נאך אייניקע טעג אין מילאן, וואו כ׳האב מיר אויסגערוט די ביינער. דערנאך בין איך שוין אזוי געפארן צוריק קיין פאריז און לאנדאן איבער דער שווייץ.

אט אזא רייזע באררייכערט איינעם אן ספק. עס איז גוט זיך צו טרעפן מיט מענטשן פון אנדערע לענדער, אנדערע לשונות, אנדערע מידות; איבערהויפט צו געפינען אט אזא ווארעמע פריינטשאפט ווי אין די סלאווישע לענדער, וואס אזעלכעס איז זעלטן צו טרעפן אחוץ ביי זיי. דארט פילט מען, אז מענטש רעדט צו מענטש.

## מערי קאהען

## די יידישע שפראך

אך, דו יידישע שפראך,
דו ביזט טייער, דו ביזט זיס,
גייסט אן יארן א סך,
און נישט ווערנדיק מאוס.

ווייל, ווייל זייער גרינג,
אנעקדאט, רעטעניש, שפאס, וויץ
גיט זיך האסטיק פון צינג,
אראפ ווי א בליץ.

און א מעשהלע דערציילן,
איז גאר גאר אפגערעדט;
די הארץ טוט היילן,
מיט ווערטער געבנדיק א גלעט

ווער רעדט נאך זינגען א ליד
איז דאך גאר גאר אן אויסנאם,
נישט ווערנדיק קיינמאל מיד,
פון איר יעדער גראם.

ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“

## א. נ. שטענצל

# די באלאדע פון מענדעק מעכאניקס טעכטערל

1

ער געפאלן א פארטיזאן אין אקציע,
און איר אדרעס מ׳וועט באלד אויסגעפינען;
מוז זי איצט דאס קינד ערגעץ דא באזארגן,
און אליין וואס גיכער וואו אנטרינען.

ס׳יונגע פאר, די פויערים, וואס זיך פארחברט,
צו זיך נעמען זיי וועלן עס גערן;
שנעל אלץ צוזאמענגענעמען, דערליידיקן,
אן פאקסן, אן קונצן, קיין סך קלערן.

אלץ וואס זי האט מיט זיך, אין שטאט די ווערקשטאט,
זיי איבערלאזן, זיי איבערגעבן;
ארנטלעכע מענטשן זענען זיי, גוטע,
די מלחמה נאר בלויז איבערלעבן.

ער, מענדעק, ער וועט שוין בלייבן אומשטערבלעך,
זיין ווארשטאט קרופס פאבריקן באזיגן!
געפילט ער גייט אצינד זיין לעצטן גאנג,
געקומען נאך ס׳קינד מיט ליד פארוויגן.

ווי שיין עס איז, די בלאנדע האר, די אויגן,
צוויי הימלען טיף אזוי בלוי זיי זענען,
ווען אײנפאלן... מיין יידיש קינדעלע,
אלצדינג — נאר נישט פארגאזן, פארברענען.

די זאכן צוזאמענגענומען, דאס שפילצייג,
ס׳בערעלע נישט פארגעסן אפילו;
מיט פול אנגעפאקטן קינדער־וועגעלע,
צו די פריינט אנגעקומען א שטילע.

ווען פויערטע, די יונגע חברטע,
זי דערזען האט אלצדינג שוין פארשטאנען;
אן אווארט זיך ארומגענומען, זיך צעקושט,
אין די אויגן די טרערן געשטאנען.

און ווי אינם וואסער אריינגעפאלן!
האט זי מורא פון זיך לאזן הערן?
די געסטאפא־אגענטן זי געפאנגען?
די פריינט ווייסן שוין נישט וואס צו קלערן.

די ארבעט אויף די פעלדער, דער צווייטער פראנט,
דאס פארטרייבן דעם שונא, דאס זיגן,



אזויפיל געפאלענע, אזויפיל פרייד,
און ס׳קינד ווי אן אייגנס ליב געקריגן.

2

געווארט א חודש, צוויי, דריי — פיר חדשים!
אז די מאמע זאל זיך אפגעפינען;
טאקע קיין מורא מער פאר דער געסטאפא,
אבער פאר בליקן, וואס נישט פארגינען —

ווי שיין דאס קינד איז, ווי קלוג — טויזנט חנען,
די בלאנדע האר, די טיף־בלויע אויגן;
און ווען פון פאריז די דייטשן פארטריבן,
זיך איינגעפאקט און אהינגעצויגן.

געהאט דאס קניפל, דעם אדרעס פון ווערקשטאט,
און זיי צוויי, געזונטע יונגע מענטשן,
און אין זכות פון דעם אויפכאוועדיקן קינד,
וועט זיי גאט מסתם אויך טאקע בענטשן.

ס׳באפרייטע פאריז, דער גרויסער נצחון,
אז וואס קאן שוין זיין שענערס אין לעבן?
ארבעט גענוג דא, יונג איז מען, און א קינד —
נאר ס׳לעבן דערפאר אוועקצוגעבן!

ווי קלוג ס׳איז, ווי באחנט, אין דער שול ווען ס׳זינגט,
גין־גאלדן קלינגען די בלאנדע לאקן;
אבער ווי שיין, ווי קלאר די אויגן זענען,
תמיד ווי ס׳וואלט זיי עפעס געשראקן.

פארקלערטע, פארטראכטע, זיך דערמאנען וואס,
ווי אין זיך אריין זיי וואלטן קוקן;
מ׳גייט נאנט צו איר צו, מ׳רעדט צו איר, מ׳רירט זי אן,
איר גאנץ גופל פון א שרעק נעמט צוקן.

און נישט נאר אין שול די לערער, די קינדער,
אין דער היים צומאל פאר טאטע־מאמען;
אויף דער שויס דער פאטער טיילמאל נעמט זי,
הייבן איר אן די בעקלעך צו פלאמען.

אליין זי שפילט זיך אין דער פויזע אין שול,
אין ווארשטאט אין א ווינקל באהאלטן;
גרעסער זי ווערט, געפונען א חברטע,
אן איינינקל פון עפעס אן אלטן.

אין דער פרי ברענגט ער זי אין שול צופירן,
פארנאכט ווארט ער זי אפ פארן טויער;

פון זייערע אויגן קוקט ארויס אזוינס,
אזא אייגן היימיש נאנטער טרויער.

3

וואס נישט אלץ פון דער חברטע אנגעהערט!
ערשט דער אלטער גענומען דערציילן:
קינדער לעבעדיק אין פייער געשליידערט,
אין די בערג זיך באהאלטן אין היילן.

ווי הינט־שלעגערס מיט בייטשן האבן זיי אונז
אין גאס געכאפט, פון שטובן געטריבן;
ווען נישט די אקציעס פון די פארטיזאנער,
פראנקרייך פארשקלאפט צו די דייטשן געבליבן.

מענדעק מעכאניק דא אין „אראנדיסמאן"
די שרעק פון דער געסטאפא געווען!
יעדן טאג שוין געווארט אויף זיינס אן אקציע,
מיט גרויסן קאפ אין צייטונג צו לעזן.

הונדערט טויזנט פראנק מענדעק מעכאניקס קאפ!
א, ס'האט אים קיינער נישט אויסגעגעבן —
אין דער אקציע אויפן פלאץ דע־לא־קאנקארד
צוזאם מיט דער באמבע זיין יונג לעבן.

און אז זיין קאפ א שראפנעל אויפגעריסן,
זיין ווערקשטאטל געבליבן אינגאנצן:
מאלאטאוו־פלאש, קאנסערוון־שאכטל באמבע,
און מ'גראשנס „רעזיסטאנס"־פינאנסן.

פון מענדעק מעכאניק ער נעמט דערציילן,
אויף זיין אלט פנים א שטאלץ צו לעזן,
און תמיד אויסלאזן מיט א מין שמייכל:
„יא, פון אונזער שטעטל ר'איז געווען.

„זיין ווייב און קינד, זאגט מען, איז אומגעקומען,
ערגעץ אין די דרום־בערג, אין זידן" . . .
ווי האט זי ליב צו קוקן דעמלט אויף אים,
אויף דעם אלטן צעבראכענעם יידן.

איינמאל אהיימגעקומען, מיטן עסן,
פון מענדעקן גענומען דערציילן;
„ווייסט, א מעכאניק געווען, ווי דער טאטע" —
דעם פאטערס פויסט זיך גענומען ביילן.

מיט א שפרונג זיך אויפגעהויבן, ציטערדיק
דער לעפל אין זופ געבליבן שטעקן.



זייט דעמלט, אז מען פרעגט זי נישט, רעדט זי נישט,
מינדסטער ריר אין שטוב טוט זי אויפשרעקן.

4

זייט דעמלט איז זי וואס ווייניקער אין שטוב,
ביי חברטעס, אין קלובן, אין פאריינען;
דער פאטער אין ביסטרא־שענקען גאנצע נעכט,
די מוטער שטריקט און האלט אין איין וויינען.

זעט זי דען נישט, אז אין קינד קומט עפעס פאר?
זאל זי נעמען און אלץ איר דערציילן?
בעסער אן אפענע וואונד, ווי א מכה —
עס וועט בלוטיקן און זיך פארהיילן.

א, ווען דער פאטער זאל דאס נאר דערזען בלויז,
זיך אנגעטון א יידישן שטערן —
אפשר ווייסט זי שוין . . . געהערט פון וועם . . . זי שטריקט
און פון די אויגן גיסן זיך טרערן.

און זי אין אלע הויזא־טענץ די ערשטע!
און „היברו"־אותיות קאן זי שוין שרייבן;
נישט בלויז ס'מגן־דודל, נאר דאס קעקסל!...
אז זי איז נישט יידיש ווער וועט'ס גלייבן?...

יעדן גאנג קוקט זי אונטער, יעדנס מינע,
און מיט די הענט יידישלעך באוועגן . . .
שטענדיק אויף דער וואך נישט געכאפט צו ווערן,
נישט איינמאל געבליבן שיער פארלעגן.

אבער זי ווייסט עס דאך . . . איז זי משוגע?
זענען קארמאניאלא־טענץ נישט שענער?
און די ישראל־בחורים, די טענצער,
פון די פראנצויזישע אסך קלענער.

וואס טוט זיך מיט איר? ז'איז דאך שוין אינגאנצן
טאקע טאטאל ארונטער פון זינען...
און אפשר, שעמט זי זיך צו זיין אן אריער,
מיט בלוט פון זעקס מיליאן זיך פארכלינען.

שא, הארך, קיין איין ווארט פארשטייט זי נישט דערפון,
אבער אזוי היימיש־נאנט און אייגן:
דער טאן, דער אקצענט, עס כארכלט און עס זינגט —
ס'מאכט מיט הענט ווי ס'וויל וועם איבערצייגן . . .

שפעט ביינאכט, ווען זי איז אהיימגעקומען,
און די מאמע געטראפן ביים שטריקן,

ארויפגעפאלן איינע אויף דער צווייטער,
א שלוכצן — מיט רייד נישט אויסצודריקן.

5

נישט קיין הוירא־טאנץ האבן חברה געטאנצט,
נישט סאוויעטיש־חבריש געזונגען,
א יידישער פאעט האט לידער געלייענט,
איר הארץ — געשפאלטן גלעקל געקלונגען.

א חברטע איר פארטייטשט, איבערזעצט:
ניין, קיין ווערליין — צער־געוויין פון הארצן,
קיין באדלער, אבער ציין דלאביען, קריצן —
עפיטאפן אין גראניט אין שווארצן!

ארום זיך קרייזט ער אצינד, לאזט זיך אראפ,
פארקייכט, פארכלינעט שוימען ווערטער;
אבער פלוצלינג אפארקלערטער בלייבט ער שטיין,
פון ערגעץ־וואו א שטימע דערהערט ער.

דירעקט פון דער בינע ר'איז צוגעקומען,
א נאנטער באקאנטער ר'וואלט געוועזן:
„זעט נאר, גאטס וואונדער, יונגע, שיינע מיידלעך,
און יידישע פאעזיע מ'הערט לעזן...

„און די בלאנדע ווער איז, א פאריזערין,
און אויגן נאך מיט אזויפיל געלויבן?
דארף איך?" מיט א קניקס פארבויגט ער זיך פאר זיי —
א טערטל־טויב „סאמיעץ" טאנצט פאר צוויי טויבן.

שפעט ביינאכט זי אהיימבאגלייט די לעצטע!
גאנצן וועג א פארקלערטע געשוויגן,
האט ער אויך אויפגעהערט שיטן ווערטער,
און װארקנדיק פארצויגן א ניגון.

זיך אבער דאך נישט געקענט לאנג איינהאלטן,
ארויסגעברומט: „ראזשינקעס מיט מאנדלען" —
„יא, ביי אונז יידן צומאל א ציגעלע,
פארט אויף יאריד און מוז עפעס האנדלען".

באגייסטערט פון זיין חכמהדיקן איינפאל,
נישט געשפירט פון איר ארעם דעם ציטער...
ביי דער ווארשטאט־טיר זיך פארבויגן פאר איר,
סערוואנטעס' דאן קיכאט דער ריטער.

איז זי איילִיק פארשוויגן און טרויעריק
גיך ארויף די קרעכנצדיקע שטיגן,



און אין איר קאפ האט וויגנדיק געזונגען,
„ראזשינקעס... מאנדלען..." ווייט וואו א ניגון.

6

אלץ האט זי שוין געוואוסט און קלאר פארשטאנען:
מענדעק מעכאניק דאס איז איר טאטע,
און זי איז ס'טעכטערל זיינס, און די מאמע
נאך נישט צוריקגעקומען לעת־עתה.

אזויפיל נאך אלץ נישט צוריקגעקומען,
מענער, פרויען, קינדער און זקנים,
פון די גאז־קאמערס,פון די מאסן־קברים,
מוז זי ווארטן מיט אלע אין איינעם.

אבער זי דרינען, וואס איז זי דען שולדיק?
און ער נעבעך אין שענק אנגעזאפן?
ווי ליב זיי האבן זי און זי זיי... איר בליק
פארגאפט אפן, טרערן איבערלאפן.

יא, דאס גאנצע לעבן א מין געראנגל,
א שראפנעל אויפגעריסן צו ווערן;
א פארטיזאן, אויף אקציע תמיד ווארטן,
דאס בת־קול פון הארץ צו דערהערן.

ווי אלט איז זי דעמלט געווען? קוים צוויי יאר,
איבער בעטל דער טאטע געשטאנען;
לעצטע נאכט איז עס מסתם געוועזן,
איידער צו דער אקציע ר'איז געגאנען.

שטילינק געזונגען האט ער אט דעם ניגון,
„ראזשינקעס, מאנדלען... ראזשינקעס, מאנדלען..."
און געמיינט ס'האט: „קינדעלע מיינס, מיין לעבן,
מען טאר זיך נישט לאזן, מען מוז האנדלען".

ווי ליב זי האט פראנקרייך, איר פאריז, הוגא,
טויזנט און איינמאל זי קאן אים לייענען,
אבער די ווערטער, די נישט פארשטאנענע —
געקוילעטע קינדער הערט זי וויינען —

לאנג איז זי קראנק געווען. גאנצע טעג און נעכט
איז די מוטער ביי איר בעט געזעסן,
און דער פאטער א פארדאגותטער־פארזארגטער,
אזש אין ביסטרא־שענק צו גיין פארגעסן.

ווי גערן זי האט זיי, זיי זי נאך מערער,
אבער איר מגן־דודל־שטערן,

אויף איר ברוסט טראגט זי, אין עק וועלט לויפן
א יידיש ווארט, א יידיש ליד צו הערן.

* * *

און נישט נעבן־ביי — און עיקר שכחתי
צום סוף פון דער מעשה נאך צושרייבן;
לעולם ועד און לזכר העולם,
דאס געדעכעניש זאל איבערבלייבן:

מענדעק איר ערשט קינד א נאמען געגעבן,
און אלעמאל ווען זי טוט עס וויגן,
זינגט זי שטיל דאס ליד „ראזשינקעס מיט מאנדלען“,
דעם זיס־פארחלומטן מלאכים־ניגון.

## א בין־השמשות אזא . . .

נאך זיבעצן־אכצן חדשים, זיך צוכאפנדיק צו דער ערד, געטריבן דערצו פון עפעס אן אומבאוואוסטער, געהיימער לוסט, פון א זיכערן גריבלדיקן געדאנק; ארבעטנדיק אין גערטנער, אויף פעלדער, שלאפנדיק אין שטאלן, אין סטאדאלעס, אויף בוידעמער פון שייערן, אנגעזאפט מיטן הארבן ריח פון מיסט, מיטן גערוך פון דער דאמפנדיקער ערד, פון די לייבהאפטיק־אויפגעריסענע שטיקער אקער — ווי בלוט־אנגעלאפענע אדערן, ווי געשוואלענע בני־מעיים שלעפן זיך נאך כלעריי מיני־אומקרויט, ווילדע „קוועקן“, פארפוילטע אין דער ברייט צעוואקסענע ווארצלען, טויזנט־יאריקע; מיך אננעמענדיק מיטן זויערלעכן שוויים־גערוך, מיטן זיסלעכן מילך־ריח פון די מעלקנדיקע קי; מיט דעם תאווה־געשטאנק פונם ווילדן ביק, מיטן משוגהדיק־משוגענעם בליק פון זיינע אייטערדיק־טריפנדיקע, בלוט־רויט ברענענדיקע מגושמדיקע שליפיעס —

דער שפאדעל, די ווידלע, די אומקרויט־האק און די גראביע איז דאס נאטירלעכסטע געצייג פון דיינע הענט. זיי פאסן זיך אריין אין דיינע דלאניעס ווי אנגעמאסטן, ווי צוגעשניטן, אין דיינע צעלאפעטע פינגער גליטשט זיך נישט מער דער גלאטסטער בהמה־הארן.

נאך זיבעצן־אכצן חדשים, מיט עקשנות פארביסענעם, מיט משוגענעם ווילדן ווילן, טאג־טעגלעך צוגעוואוינט צו דער שווערסטער ארבעט און דער גוף ווערט נישט מער צעבראכן פון איר, די אברים נישט מער צעקרימט און צעבויגן; אדרבא, פארקערט גאר: דאס שטייפע לייב ווערט פריידיק־צעשאקלט פון יעדן בויג, די ביינער קנאקןביים מידנסטן באוועג, ביים קליינסטן ריר —. דו שפירסט דעם ריסוק אברים! דו פילסט ווי דאס בלוט ווערט ווארעם־צעקאכט! ווערט מען דעמאלט א בעל־גוף — א בעל־בית איבערן אייגענעם גוף; צי אפשר אזוי גאר: דאס לייב ווערט דער בעל־בית איבער דיר, עס ווערט דיין שומר, עס באשיצט דיך פון דיינע ווילדע געדאנקען, פון דיינע צעפלאסענע געפילן און דער „בזיעת אפך תאכל לחם“ הערט אויף צו זיין א קללה... פארקערט נאך, עס ווערט א געזאנג, עס ווערט א ברכה;



דו טובלסט דיך אין דיין שוויס און דו ווערסט ריין — די מאמע ערד צוואגט דיך דערין ווי א פריש געבוירן קינד.

איך האב געוואוסט, אז איך מוז מיך אפטראגן פון גליל־דעוועגטער און וואס שנעלער אלץ בעסער, און אז מיט יעדן טאג ווער די געפאר אלץ גרעסער. איינס פון די צוויי: אדער איך ווער אזוי מסיח־לבתומי, אזוי מיר נישט דיר נישט, אפגעשטעלט אין מיטן דארף פון א „צופעליק“־אונטערקומענדיקן פאליציסט, וואס פרעגט מיך אויף א פאס, אדער פון אן אונטערגעשיקטן חבר, אונטערגעשיקט פון די חברים־לדיעה (ס׳הייסט פון די וואס האבן די מאה...) פון די, וואס ווילן לייגן זייער כשר שטעמפל אויף מיין גאנצן איך, אויף מיין פילן, אויף מיין טראכטן.

יא, איך בין אין די ביטערע זיבעצן־אכצן חדשים געווארן ממש א „קנעכט“, א „בראם“, אבער אויך טיף דערפילט דעם זיסן טעם פון „עבדא בהפקירא ניחא ליה“: א פרייע וועלט ארום דיר, די גאנצע ערד איז דיין, יעדן טראט, וואס דו שטעלסט אויף איר, שפירסטו מיט דיין גאנצן געשטעל; דער שפאדעל שפילט ווי א פידל אין דיינע הענט און די ערד איז א קרקע־בתולה — דו נעמסט זי פעסט ארום מיט דיינע צוויי געמוסקלטע ארעמס; דו באמאנסט זי, דו באפרוכפערסט זי; זי ווערט פעט, זי ווערט ברייט, זי גייט אויף, זי צעוואקסט זיך — וואונדערלעך זי אנצוקוקן, אין די ליכטיקע אויגן איר אריינצובליקן. מ׳קאן די מאמע ערד, נישט נאר ליב קריגן, נאר זי דערפילן לייבהאפטיק...

פון די פאר חדשים שווערע קנעכט־ארבעט האב איך געהאט א שיינע פאר גולדן אין דער קעשענע. דאס קלימיקל מיינס איז נישט געווען גרויס, און אויף אזויפיל בין איך שוין אויך געווען א „מענטש פון פאך“ און געוואוסט וואו א טיר עפנט זיך: איך האב געוואוסט, אז ביי די רייכע בעלי־גופים אויף די „וויטע מארשן“, אויף די פעטע לאנקעס, וואס ציען זיך מיילן לאנג אין פריסלאנד, קאן א „קנעכט“ באקומען ארבעט צו יעדער צייט פון יאר; איז נישט אויף די וויטע, פרייע לאנקעס, איז אין די גרויסע שטאם־בוך שטאלן ביי די קי, איז אין די קעז און פוטער־פאבריקן, און אויפן ערגסטן אופן־אויף די צוקער־ריבן פעלדער ארום גרוינינגען.

האב איך מיר פארשניטן א סענקאווע שטעקן, דאס קלימיקל פארווארפן אויף די פלייצעס און מיך געלאזן אין וועג אריין — א „וואנדער־בורש“ בלע״ז...

א פויער איז דער קעניג אויף זיין מיסט־הויפן; מיט זון־אויפגיי, ווען ער שטייט אויף פון זיין ווייכן געלעגער, פון זיין פויערטע, אן אויפגעיוירענע, אן אויסגעשלאפענער אונטער דער ווארעמער פערענע, א צעגענעצטער, ארומגערינגלט פון זיינע קנעכט, אויסטיילנדיק די ארבעט פארן טאג, איז ער ווי א האן ארומגערינגלט פון זיין כאליאסטרע הינער. ער פאכעט מיט די פליגל, בלאזט אן דעם רויטן קאם, יאגט מען אים אראפ פון זיין שטיקל ערד, איז ער ווי א הימלאזער הונט, וואס שארט זיך ביי א טויער. וואס איז א בידנע פויערל אן אן אייגן שטיקל ערד? אן ארעמער נפש! דאס שטיקל ערד, ווי גרויס

ס׳זאל נישט זיין, גיט אים לעבן, גיט אים חשיבות — ווערט זיין בעל־בית! דא הייבט זיך מסתם אן די קללה פונם „בזיעת אפך“... די קללהביים אראפ־געיאגטן פון זיין שטיקל ירושה — דעם ארויסגעטריבענעם פון גן־עדן!

א יונגער קנעכט אבער, ווען ער באפרייט זיך פון זיין בעל־הבית, ווען ער איז „זאט“ פון אים, פייפט ער נישט נאר אויף אים, נאר אויפן גאנצן ערד־קיילעך; ער לאזט זיך אין וועג אריין ווי א יונגע, ווילדע קאטשקע, וואס הייבט זיך אויף צו איר ערשטן פלי; זי פילט דעם שעפערישן פאך פון אירע צעפלאטערטע פליגל, דעם פרייען פאך פון אירע יונגע כוחות —

אויב איך האב אפשר ארויסבאקומען פון מיר „די אוממיטלבארע“ אויס־דרוקן פון „פלאסטישן אינסטינקט“, און דעם „בילדערישן פארמעסט“ פאר „דער ווארעמער, דאמפנדיקער ערד“ און מיט „קנאפע ווערטער“, איז עס זיכער געוועז דער מארש דעמאלט פון דעווענטער קיין פריסלאנד. איך האב גע־מאסטן די ערד מיט מיינע צעפליגלטע שריט: „איינס, צוויי, דריי; איינס, צוויי, דריי“, אז דער ריטם איז מיר אריין אין די ביינער. מיט אויפגעריסענע אויגן, פארגאפטע, פון אונטער דער צעפלויגענער טשופרינע שטארטשענדיק פון מיין ארויפגערוקטן „פעט“ האב איך געגעסן די אפענע ווייטע וועגן. ווי שורות אותיות האבן זיך געעפנט די גאסן אין די זייטן און זיך צונויפגעשטעלט אין דערפער, און אויב עס האט זיך דאך געוויזן א בערגל אויף דעם ווייטן נידריקן נידערלענדישן האריזאנט, איז עס געווען א קאמא, א פונקט מיך אפצורוען . . .

די הונדערטער ווינטמילן דעמאלט אויף מיין וועג? ניין, איך האב מיך דעמאלט מיט דער דעה נישט געשלאגן. איך האב גענוי געוואוסט וואס איך וויל... (א דאן־קיכאט מיינט תמיד, אז ער ווייסט גענוי...)

און אויב טויזנטער פארגלייכן געפונען פארן זון־בילד זינט דעמאלט און נאך היינט, אז איך הייב אויף די אויגן צו דער זון, טאנצט זי נאך אלץ אין טויזנט און איין בילד; עס איז נאך אלץ דאס איין און זעלבע בילד — דאס זיך באוויזענע — וואס כ׳האב דערזעען דעמאלט אויף מיין מארש פון גליל־דערוועונטער נאך די ווייטע פליינען פונם געגנט פריסלאנד —

א סוף הארבסט־טאג — א בין־השמשות אזא; — דער ווינט יאגט אונטער, ער פייפט אויף מיין סענקעוואטן שטעקן ווי אויף א שאלאמיי. דאס קלימיקל טאנצט נאר אזוי אונטער . . . צו א גאנטן דארף איז נאך א צוויי־דריי ווי־ארסט; עס בלאזט אין לייכטן רעקל, די פינגער הייגן עס אויך שוין אן צו שפירן — זיי פרירן, כאטש נעם זיי אין מויל אריין און פייף מיטן פייפנדיקן ווינט . . . און פלוצלינג —

הינטן אויפן ווייטן האריזאנט, וואו ס׳קלויבן זיך טונקעלע וואלקנדלעך שוין דעם גאנצן נאכמיטאג און זיי ווערן גרויער און גרויער, טונקעלער און געדיכטער — א גרויסע, פינסטערע קופע; לייגט ווער — א פארהוילענע האנט! — אונטער א גליאיקע קויל... איין רגע, צוויי, דריי ליגט זי שטיל, קיילעכדיק, גליאיק און גרויס און מיטאמאל נעמט די גאנצע קופע גליען,



פלאמען, פלאקערן... אזש די. הענט ציען זיך ממש אהין זיך אנצואווארעמען... יא, זיי ווערן ווארעם, אין גאנצן גוף גייט א גליאיקער ציטער אדורך, כאטש נעם ס׳קלימיקל פון שטעקן אראפ, אין דעם פייער־פלאקער עס ארייננצוואווארפן, און ארומצוטאנצן ארום אים אויף דיין סענקעוואטן שטעקן, ווי עפעס א רוח פון אנדערע וועלטן —

ווער ווייסט ווילאנג איך וואלט אזוי געגאנגען! דעם גאנצן ערד־קנויל אויסגעמאסטן און ווידער אויפסניי אנגעהויבן... ווייסט א יונגע, ווילדע קאטשקע אין איר ערשטן פרייען פלי ווען זיך אפצושטעלן?...

קיין פריסלאנד בין איך נישט אנגעקומען, (די פאר גולדן אין קעשענע האבן זיך אויסגעלאזן!...) בין איך שטעקן געבליבן אין גראנינגען געגנט ביים רייסן צוקער־ריבן.

מ׳מוז זיך נאר צוגעוואוינען דערצו: שטיין אזוי מיט געבוקטן רוקן שעה נאך שעה, ניין־צען שעה א טאג, טאג נאך טאג אזוי, גאנצע טעג. מ׳מוז זיך נאר צוגעוואוינען דערצו די ערשטע טעג, דערנאך גייט עס ווי א מזמור...

עס ווערט קעלטער, די טעג ווערן קלענער; די ארבעט גייט אן ביי אנגע־צונדענע פייער־פלאקערס אינמיטן פעלד... דאס רייסן ווערט שווער! די ערד פרירט, די גרויסע ריבן־בלעטער זיינען ווי איינגעטונקט אין ראסע... די הענט ווערן צעשעקעט, די הויט ווערט געשפאלטן... די ערד איז שטיין־הארט און די בלעטער שטיקער אייז... מ׳מוז די ריבן מיט די פינגער ארויס־גראבלען. ארויסדלאביען די נעגל ברעכן זיך... און חברה צעלאזן זיך מיט א זיס געזאנג: „מאי ווער פאן דאך, מאי ווער פאן דאך“.

נישט בחינם איז די אידילישע סענטימענטאלע מעלאדיע געווארן דאס שטורמישע קאמף־ליד, דער רעוואלוציע־מארש פונם האלענדישן ארבעטער...

אין „קנעכט־הויז“ האבן מיר געגעסן, געשלאפן. און ווען חברה זיינען געגאנגען אין שענק און כ׳בין טיילמאל נישט מיטגעגאנגען און געבליבן, האב איך געהאט צייט פאר מיינע בריוו צום טאטן, צו דער מאמען, צו וואוטשען — כ׳האב דאך ווידער געהאט אן אדרעס! אויב געשריבן א ליד אין יענע חדשים, איז עס אויך געווען אזא מין בריוו, וואס מ׳האט אים שוין נישט צו וועמען צו שיקן . . . מ׳גיסט אויס דאס הארץ פאר עפעס א ווייטן עמעצן, ערגעץ־וואו... נישט צו לייענען, נישט צום דריקן — דאס געדריקטע הארץ דריקט זיך אויס! נישט איינמאל דעם ביק אין אויער אריין אזא ליד אריינגעליינט, אריינגעוויינט...

אין איין טאג קומט אן א בריוו פון וואוטשען, נישט פון דארטמונד — פון אמסטערדאם! און נישט קיין בריוו איז עס געווען, נאר א מין דרינגענ־דיקע טעלעגראמע: ער מוז מיך תיכף־ומיד זען, אין מאמענט, ווען כ׳וועל באקומען דעם בריוו, זאל איך מיך זעצן אויף דער באן און קומען צו פארן. כ׳זאל נישט פרעגן קיין קשיות, נאר תיכף־ומיד קומען צו פארן.

אויב פון דעווענטער ביז גראנינגען האט עס גענומען א שיינע פאר טעג, פארט מען מיטן צוג קיין אמסטערדאם א שיינע פאר שעה. ס׳איז געווען

א נאכט־צוג, א שלעפ־צוג און איך האב צייט געהאט נאך חדשים, מ׳קאן זאגן יארן — קנאפע צוויי יאר שוין! — צו מאכן א שטיקל השבון־הנפש, א מין סך־הכל:

איבער א יאר געלעבט אן א ספר, אן א בוך, נישט מיט וועם צומאל א שמועס צו טון... אחוץ אפשר דאס מיטן טאטן, מיט דער מאמען, מיט וואוטשען . . . דאס ליד וואס טיילמאל געקומען, זיך אויסגעשריגן צו עמעצן... ס׳האריץ זיך אויסגערעדט... פאר וועמען? אפנים די ארבעט גופא איז א גאנצקייט און מאכט גאנץ... וואס איז דען רעדן, וואס איז דען פילן, און וואס געדאנקען? א צעריסנקייט זיך צו וויקלען ארום עפעס... און וואס איז דען די בענקשאפט?... זיך צו וויקלען ארום א צווייטן... ארבעט איז א גאנצקייט... מ׳פילט זיך גאנץ מיט איר, מ׳וואקסט מיט איר... „אין דער סאכע ליגט מזל ברכה״... אין איר גופא... נישט אין אויפגענייטן „זאשיק״... נישט אין די „אייזנבאנען״...

איך שפיר, אז איך בין איינגעשלאפן, איך ווער פארוויגט פון „וועמען״, פון „עמעצן״: „טארר־רא־רא, טאררר־רא־רא, טאררר־רא־רא: מאי ווער פאן דאך, פאן דאך״ — — — עמעץ טארעט מיך, שפיר, שאקלט מיך: „אמסטערדאם״! ס׳איז געווען דער לעצטער פאסאזשיר, וואס ארויסגעגאנגען פון קופּע.

דער אדרעס פון וואוטשעס „האטעל״ איז געווען אין א שכנותדיק געסל פון מיין „האטעל״, „א בעט פאר צוויי״, וואו איך האב געוואוינט ביי מיין אנקומען קיין אמסטערדאם, אין א פארווארפן יאדן־ברעט־סטראאט געסל — אבער דער געוואלטיקער אונטערשיד!

דער האטעל „א בעט פאר צוויי״ איז אויך נישט געווען אויסמעבלירט מיט שפיגלען און זעסלען, מיט מאהאגאני בעטן „קעניג לודוויג דער זעכצנטער״ — עס איז געווען א גרויסע, ריינע שטוב פול מיט אייזרנע בעטלעך, מיט קישנס, מיט קאלדרעס, פריש און ריין איבערצויגן — א בעט, אז מ׳האט נאר באצאלט פאר צוויי... האט מען שוין געקאנט אליין דערין שלאפן... דאס איז מסתם געווען אזא יאדן־ברע־סטראאט פאליצייאישער טריק, א רפואה קייגן אבלאוועס: דאס הייסט, אז לעולם איז דאס נישט קיין האטעל, נאר אזא „אפשטייג־קווארטיר״...

דא איז אבער שוין געווען דער „דנא״, דער תהום! איין גרויסע, פינסטערע שטוב, א ווילגאטש־מייכעצדיקע, א וואנצן־און שוויס שטינקענדיקע. דאס פוילע שטרוי האט געאוירט ווי פון א נישט גערייניקטער שטאל. אז די אויגן האבן זיך צוגעוואוינט צו דעם טונקעלען בין־השמשות ליכט פון די צוגעמאכטע לעדן איבער די פענסטער — א גרויסע שטוב פול אנגעלייגט מיט שעניקעס... דא איז מען געשלאפן בייטאג און ביינאכט — אין צוויי שיכטן.

מען מוז וויסן וואס דאס יאר 1919־21 אין די האפן־שטעט אין מערב און אין מיטל־אייראפע, האמבורג־ברעמען, אנטווערפן־ווהייטשעפל, אמסטערדאם־ראטערדאם, הונדערטער טויזנטער מזרח־אייראפעישע יידן געיאגט פון



פאגראמען, פון רעוואלוציעס, פון נויט נאך ארבעט און ברויט. אלע עמיגראנטן־הייזער פון היא״ס, פון דזשאינט זיינען פול געשטאפט. אלע פאר וואכן ווערט א ניי לאנד אנטדעקט ערגעץ הינטער אמעריקע, הינטער די ערי־חושך פון בוענאס איירעס אין ארגענטינע... די גוזעלשאפטלעכע טוער האבן געטומלט, געהאלפן, די „עוסקים בצרכי צבור באמונה״ האבן געטון וואס זיי האבן נאר געקענט... משה רבנו האט געשפאלטן דעם ים־סוף פאר ששים רבוא יידן, וואס זיינען אים אריבערגעגאנגען ביד רמה — 1919־20 זיינען א מיליאן יידן אריבער דעם אצעאן!

דער אדרעס פון וואוטשעס האטעל איז געווען פאר שוין צוריקגעקומענע עמיגראנטן, אפגעריסן, אפגעשליסן, צעבראכן און קראנק פון מעבר־לים, פון חלוצים שוין צוריקגעלאפענע פון פאלעסטינע פון אראבי׳שע פאגראמען, פון מאלאריע־חולאת, ציטערנדיקע און פיבערנדיקע.

אויף דעם אדרעסל האט מען פאר איין „ניקל״ איבערגענעכטיקט און אויב מ׳האט דעם „ניקל״ אויך נישט געהאט, האט מען הינטער א צווייטנס פלייצע אין דער פינסטער די „קארידאר־גרענעץ״ אדורכגעשווארצט... דעם טאג אדורכצולעבן, אדורכצוקומען, אפצוקומען זיינען שוין געווען אזעלכע קאוויארניעלעך, אזעלכע רעסטאראנדלעך — אין אמסטערדאם צווישן יידן פארהונגערט נישט א ייד.

אויב אזא שעניקל אין דער פינסטערער שטוב איז געווען דאס שפרינגברעט פון א שיפסברוך אין א שטורעם־נאכט דעם אטעם צו דערכאפן, האט מען שוין אין אזא רעסטאראנדל געפונען שווארצע ארבעט, און אויב מ׳האט נאר פון אזא מעבר־לים „רייזע״ מיטגעברענגט א דאלאר, האט מען אים געקענט טוישן אויף שווארץ און לעבן א ליכטיקן טאג ביז מ׳האט זיך צו עפעס צוגעשלאגן אדער באקומען געלט אויף הוצאות פון טאטע־מאמע און צוריק אהיים געשווארצט די גראנעצן . . .

אין אזא רעסטאראציעלע האב איך געטראפן וואוטשען זיצן ביי א טישל, אזוי־א ווי פאר דריי־פיר יאר נאך, אין טשענסטעכאוו, ביי דוד ריכטערן אין שטוב, א בוך לייענענדיק, א ציגארעטל נאגנדיק, אין א קלוג שמייכעלע פארצויגן די דינע ליפן, באלויכטן פונם פארצויגענעם ציגארעטל אדער פון די פלינקע, ליכטיק־נאכלויפנדיקע אויגן — אן שום זארג, ווי א ייד ביי דער גמרא.

כ׳בין צו אים צוגעגאנגען מיט פאמעלעכע, שטילע טריט, הנאה האבנדיק פון זיין פריילעך־געניסערישן לייענען ממש די ליפן זיס פארצויגן! — פון זיין שיינעם אויסגעקיילעכטן שטערן, פון זיין אויסגעטאקט־תאווהדיק נעזל, באוועגלעך־צוקנדיק.

כ׳בין צוגעקומען נאנט צום טישל. ער האט נאך געלייענט, אבער האלב שוין געקוקט אויף מיר. דאס ביכל איז אים ארויסגעפאלן פון דער האנט און איך אויף אים.

דאס בוך, וואס ער האט געלייענט, איז געווען א געבארגטס פון איינעם

אן אכסניה־ברודער, געקומען נעכטן פון פראסקוראוו־קיעוו וויא יפו — תל־אביב אדער באליוויען־ברעמען — א יעווסעקישער זשורנאל, קיעוו, 1919־20.

די נאכט בין איך געשלאפן צוזאם מיט וואוטשען אויף אזא ווילגאטש־מייכעצדיק שעניקל. מיר זיינען נישט געשלאפן, געלעגן ענג־צונויפגעטוליעט נישט אראפצופאלן, געשושקעט, געפליסטערט... פון אויסנווייניק מיר ציטירט לידער פון דעם זשורנאל, וואס איז געלעגן צוקאפנס, פון איינעם אן אויפגייענ־דיקן שטערן, „דוד האפשטיין".

„אברהם נחום, דו פילסט די ווערטער, דו האסט זיי?

„אין פאלדן פון ווינטן, מיט כוואליעס געשוועסטערט,
מיט וויכערס געבונדן, געברודערט מיט שטורעם".

הערסט, ווערסט נשתומם. הערסט ווי ס׳זעצט מיט א גליאינדיקן האמער אויף א קאוואדלע; דאס איז פאלג מיך א גאנג פון ,העמערל, העמערל קלאפ׳...

„הערסט, אייערנעכטן ווי כ׳בין נאר געקומען, וואלגערט זיך דא א ציייטונג פון ניו־יארק, א פראסטע צייטונג פון דער „געלער בולוואר פרעסע". לייען איך דארט א דערציילונג פון איינעם, פין א יוסף אפאטאשו. דעקט ער צו אשן מיט בערגעלסאנען צו זאמען — א נאטירלעכער כוח גברא!

„הערסט, אויף צוויי הונדערט יאר האט זיך אונזער ליטעראטור א רוק געטון און דו פראוועסט קאלאניזאציע ערגעץ אין א פארווארפן דארף ביי א האלענדישן פויער — משוגע מיינע שונאים! טאטאל גערירט אויפן גאנצן קאפ — עפעס א נס איז געשען, אז ס׳האט מיך דא אהערגעטראגן..."

עס איז שטיל געווארן. כ׳האב געהערט ווי ער האלט איין דעם אטעם, ווי מיין הארץ הייבט אן צו קלאפן. עס האט געדויערט — דאס נישט ריטמישע שנארכן פון צוואנציק־דרייסיק נעזער האט זיך געריסן דורך דער פוילעניש, געדיכטער פינסטערניש — עס האט געזעגט א סענקעוואטע קלאץ.

„אברהם נחום", האב איך דערפילט זיין שרעק און מיינע ווי ער טוליעט זיך צו מיר: „איך ווער א טאטע. אויף דעם האב איך דיך אהערגערופן... גיטעלע איז מעוברת פון מיר... און איך אליין בין נאך א קינד... כ׳ווייס גאר נישט אירע כוחות . . . כ׳הייב זי ערשט יעצט אן צו באוואונדערן . . כ׳פיל ס׳איז בשר מבשרי, פלייש פון מיין פלייש...

„הערסט", האב איך געהערט ווי עס שעפטשעט, נישט צו מיר, עמעץ־ווער שעפטשעט צו עמעץ־וועם: „די חבלי־לידה וואס מען מאכט אדורך אין בין־השמשות אזא פון לא יום ולא לילה... דאס ולד אין דער טונקלניש מאכט אדורך אלע גלגולים פון ששת ימי בראשית... אברהם נחום, דו טראסט דיך נישט פארלירן... איך האב מיך שוין אפנים געפונען... ניין, מ׳האט מיך געפונען... ווי ליב זי האט מיך דאס... און אפשר אויך נישט זי... דאס קינד וואס וואקסט אין איר... דער טייל פון מיר... פון מיין לייב... איך זע דו וואלגערסט דיך נאך... דו טארסט דיך נישט פארלירן... מיר האבן אזויביידע געגליבט אין דיר, דוד און איך . . . דו האסט עס נישט געוואוסט. מיר האבן אויף דיר נאך געלויערט אין בית־מדרש" — — —



„איך האב געוווסט, נאך כ׳האב נישט געוווסט אויף וואס... איך האב מורא געהאט... ווייסט, נישט פאר דודן, פאר דיר... ווייסט, אממייסטן האב איך מורא פאר מיר, פאר מיר אליין... פאר א צווייטן אין מיר..."

„הערט דאך דארטן שוין אויף, עס טאגט דאך שוין באלד... איז געקומען עפעס א יונג און לאזט נישט שלאפן"... האט עס אהערגערופן מיט א געביי־זער פון א שעניק.

וואוטשע איז אינמיטן זאץ שטיל געווארן. די געדיכטע פינסטערניש האט מיך גענומען שטיקן; דאס שארפע אומריטמישע שנארכן פון די צוואנציק־דרייסיק נעזער האט געשניטן, פגימהדיק געריסן ווי א זשאווערדיקע זעג, וואס איינער שלעפט אהער און איינער אהין... די מייכעצדיקע פוילעניש, דער ווילגאטש, א כארכלען האט זיך אריינגעריסן, א קרענקלעך הוסטן. פלוצלינג האב איך אים געהערט שטיל וויינען — איז עס געווען אויף מיין פארלוירנקייט, אויף זיין ווערן געפונען?

איך האב מורא געהאט מיר א ריר צו טון, מיך א באוועג צו געבן כ׳האב דעם אטעם איינגעהאלטן. איך בין געלעגן די גאנצע נאכט וואך מיט אויפ־געריסענע אפענע אויגן, קיין ריר מיך נישט געגעבן און געגאפט אין דער שוויס־פארגליווערטער פינסטערניש — כ׳האב געזעען יענע הארבסט־שקיעה, יענעם טיפן בין־השמשות, די פייערדיקע קויל־זון אונטערגעלייגט אונטער א פינסטערער כמארע־קופע. עס גליט, עס פלאמט, עס פלאקערט — פונקען צעש־פריצט איז דער צעבלוטיקטער הימל־ראנד, דער ווייטער האריזאנט, אבער אויבן אזוי טרויעריק... אזא רחמנות אויף די אלע דא שנארכנדיקע זיך קייקלענדיקע דא אויף די שעניקעס — אויפן גאנצן פינסטערן ערד־קיילעך.

עס ווערט אין מיר אזא טויט־שטילקייט, דאס זעגן פון די שנארכנדיקע נעזער ווערט נאך שטארקער; איך ליג אן אונטערגעזעגטער פוילער דעמב: עס איז גוט וואס כ׳האב מיינע פאר לידער געלאזן ליגן אונטערן בעלעק איבער מיין געלעגער אינם ארבעטס־הויז, וואסער פנים וואלט זיי געהאט, נאך אזא גליאיקע שורה פון דעם האפשטיינען: „געברודערט מיט שטורעם"?

אין מיר איז אזא אמעט: עפעס האט מיין „בין־השמשות" ליד מער שייכות צו דער מאמעס „גאט פון אברהם" — מ׳צינדט ווידער צוריק אן דאס גיהנום־פייער פאר די רשעים אויף כף הקלע... ס׳איז נישט דאס רויטע פייער, וואס פלאטערט ווי א פאן — ס׳איז פארקנוילט אין פינסטערע כמארעס־רויכן... סענטימענטאל! אבער דאך מיינע „פעלדער אין ווינד", „צעשויבערט שעפסלעך געיאגט פון הינט" האבן כאראקטער... יעדע לאנדשאפט האט איר כאראקטער, יעדעס שטיק ערד... ווי א מענטש!... די ווייטעטער מארשן אין פריסלאנד, זיינען אנדערש ווי די דעוועגטער לאנקעס... און ערשט די ציקער־רובן פעלדער ארום גרוינינגען: ממתוק יצא עז: „מאי ווער פון דאך... „מאי ווער פון דאך"...

אזא רחמנות, ביז צום וויינען, נעמט מיך ארום צום גאנצן ערד־קויל... איז זי נישט די מאמע ערד אז לעבעדיקע שאף־סטאדע, א וואגלדיקע בארג

אראפ? איך פיל ווי כ׳ווער איינגעוויגט אין שלאף... זי נעמט מיך ווארעם ארום ארום מיט אירע צוויי פעסטע ארעמס... ווי כ׳קלאמער מיך צו איר, ווי כ׳טוליע מיך צו איר, צו ווערן א לעבעדיקער טייל פון איר... זי לייבהאפטיק גאנץ צו דערפילן... איז דער לעצטער אנטלויף נישט צו איר?... ווי כ׳וואגל, ווי כ׳וואלגער, כ׳פיל, כ׳פאל שוין אין טיפסטן תהום — — — אין שאול־תחתית!!

פלוצלינג ווערט א געוואלט, אן עלעקטריש לעמפל פלאמט אויף, א געלויף אויף שטיגן, א געשריי: „זיך שוין ווידער צוגעכאפט אויבן צו דער אלטיט־שקער אויבן, אין בוידעם „שטיבל“... „מ׳מוז דעם יינג אנלערנען...“ ס׳איז דער באנעס־איירעסער! די פערווערזע בריאה...“ אויב מ׳קאן פאליציי נישט רופן... מ׳מוז אים דורסן!“

וועווטשע שטיי שוין אויף די פיס: „קום, לאמיר זיך בעסער אפטראגן“.

מיר האבן זיך דרויסן, אין די געדרייטע געסלעך, אין דער שטאק־פינסטערער נאכט געדרייט אזוי שעהן, די גראכטן האבן שווער געאטעמט, ווי מיט א קרענקלעך תאוהדיקן ריח, האבן שטינקנדיק געגענעצט... די בריקלעך וויגן זיך, מיט א כארכלענדיקן קרעכץ, אונטער אונזערע טריט.

וועווטשע האט מיר „זיין גאנצן ראמאן“ אויסדערציילט... אויף דעם אפנים האט ער מיך דאס אזוי דרינגענדיק גערופט... ער האט נויטיק געהאט דאס איבערגעפולטע הארץ צועפענען... איך האב אים צוגעהערט, אבער פון קאפ איז מיר נישט ארויס „דער יונג“, דער באנעס־איירעסער“, „די פערווערזע בריאה“... און פאר מיינע אויגן איז מער געשטאנען דער ביק, מיטן רינג אין ליפ. ווי ער ליגט אזוי ווי א בארג אין פינסטערן שטאל... דער לאמטערן שאקלט זיך מיט די שאטנס און זיינע שליפיעס גליען... און ווי פערווערז צעלייגט „רעבעקא“ ליגט מעוברתדיק אויף דעם פריש דעלייגטן שטרוי — די פערווערזיטעט פון דעם גאנצן שטאם־בוך, אטעמט פון איר... דאס גאנצע פלאך־לאנד — — אזא פלאכער פערווערז...

„אברהם נחום, ווייסט, כ׳זע ווי סיבאוועגט זיך... ס׳איז לעבעדיק... א טייל פון מיר וואקסט, ווערט גרויס, גייט אין דער אייביקייט אריין“ כ׳הער וועווטשעס רייד און איך הייב אן צו פארשטיין די שרעק פאר מיין לייב, דאס ווען אוועקלויפן פון אים, דאס ווען אנטלויפן פון מיר... דאס ווען אנטרינען ווו... מיין ארבעט איז אויך אזא מיך באהאלטן, נישט ווען דערפילן מיך — דאס איז מיין פערווערזיטעט, א פנים...

אזיי גייענדיק זיינען מיר אויס דרייסן צו דער אפענער אמסל . . . די וייטע פלאכן, צי צעכוואליעטע וואסערן... און דארט פון וייטן, פיקט זיך ווו פון אן איי ארויס, א לעבעדיקס, אין בלוט ווערט עס געבוירן, ווי רויט ס׳כוואליען די וואסערן — —

גייט די זון אויף? גייט זי אונטער? איז עס בין־השמשות שקיעה? איז עס באגינען־שאריען. כ׳ווייס נישט וואס מיט מיר טוט זיך... ווינט אין מיר אזא אומעט? צאפלט אין מיר אזא מאדנע פרייד?

„היינט, מארגן וועט גיטעלע קומען“... ווי פון די כוואליעס ס׳וואלט גע־



קומען, ווי א בת־קול... איך דריי מיך אויס דערשראקן צו וועווטשען, ווו מיך אנצוהאלטן אין אים — די אויפגעגאנגע זון שיינט אויף זיין פנים. דאס נאגנדיקע צעגארטל פארצויגן אין פארגלינערטן שמייכל פון זיין געניסערי־שיב דינע ליפן, לייכט פון אזויפיל זיסער הנאה.

## ש. י. דארפזאן

## „אויף די וועגן פון יידישן גורל“, פון מ. צאנין

זינט דער אנטשטייונג פון מדינת ישראל, האבן זיך אנגעהויפט אן א שיעור אנגעווייטיקטע פראבלעמען, וואס באשעפטיקן די ערנסטע ציוניסטישע עסקנים אין ישראל און די תפוצות, וואס לאזן אזוי־לייכט זיך נישט פארענטפערן. זייער קנויל ווערט כסדר שווערער און קאמפליצירטער, ווייל ביסלעכווייז ווערן די פראבלעמען איינגעגלידערט אינעם לעבן, ווי נאטירלעכע פועל־יוצאס פון דער ווירקלעכקייט.

אינעם פארלאג „המנורה“ אין תל־אביב, איז דערשינען א בראשור, א. נ. „אויף די וועגן פון יידישן גורל“, פון מ. צאנין, וואס אנטהאלט פיער קריטישע עסייען; „די פיער טויזנט־יאריקע יידישע מלחמה“; „די געגעזע פון א קולטור־דראמע“; „מיגראציע פון מיזוג גליות“, און „דאס יידישע לשון“. די דאזיקע, ערנסט באטראכטע עסייען, זענען גלענצענדיקע קריטישע אנאליזן, באזירט אויף היסטארישע פאקטן, בשייכות דעם פיער טויזנט יאריקן געשיכטלעכן גורל פון אונדזער פאלק, וואס האט געשפרייזט אויף די נע־ונד וועגן פון יודישן גורל.

זעלטן־ווען, האט אימיצער פון די יידישע שרייבער און היסטאריקער צעגלידערט די דאזיקע יידישע גורל־פראבלעמען פון אונדזער עבר און קעגנווארט־אין אזא זאכלעך־איבערצייגנדיקער פארם, ווי דאס האט געטאן מ. צאנין, רעדאקטאר פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג „לעצטע נייעס“ אין תל־אביב.

מ. צאנין באריר זייער אפט די ספעציפישע יידישע פראבלעמען פון דער יונגער מדינת־ישראל, אין די וועכנטלעכע „שבתדיקע שמועסן“ פון זיין צייטונג, וואס זענען גלענצענדיקע פובליציסטישע אנאליזמען פונעם טאג־טעגלעכן לעבן אין דער מדינה. אבער די נייעסטע ארבעט זיינע, „אויף די וועגן פון יידישן גורל“, באהאנדלט דעם עצם־קיום פון יידישן פאלק, וואס צווינגט אונדז זיך צו פארטראכטן — און טאקע צו לערנען — אויפן סמך פון די היסטארישע פאקטן.

דער מחבר פירט אונדז איבער דעם לאנגען וועג פון דער פיער טויזנט יאריקער יידישער געשיכטע איבער די פארשידענע גלותן, וואס האט מיט אומפארשטענדלעכע נסים בייגעשטאנען אונדזער פאלק, די פינצטערע קייט פון נע־ונד, אינקוויזיציעס, פאגראמען, רדיפות און כל־ערליי אנדערע צרות. מ. צאנין ווייזט נאך, זייער ריכטיק, אז דאס יידישע פאלק האט אויסגעהאלטן די דאזיקע נגישות, א דאנק זיין אמונה. דעם טיפן גלויבן, וואס האט געטליעט אין זייערע

הערצער, און די דאזיקע יידישע אמונה האט אונדז אויפגעהאלטן — ווי א פאלק, אין משך פון די פיער טויזנט יאר אין די כל־ערליי גלותן. א נס, וואס איז אזוי קלאר און באשיימפערלעך און לאזט זיך נישט באשטרייטן! אין דערזעלבער צייט, ווען גרויסע, מעכטיקע פעלקער האבן געלעבט אויף זייער אייגענער ערד זענען אונטערגעגאנגען און ממש אויפגעהערט צו עקזיסטירן, נישט גראד ווי א פועל־יוצא פון די מלחמות, וואס זיי האבן געפירט און־פארלוירן, נייערט־ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין אמונה, וואס זאל זיי שטארקן און אויפהאלטן.

בכן: די יידן האבן, ניט געקוקט אויף זייערע טראדיציאנעלע גלותן און כל־ערליי לענדער גובר געווען די ביטערע פיזישע רדיפות און בלבולים, אינקוויזיציעס און קרייצצוגן, אויטא־דע פעס אין שפאניע און פארטוגאל, ווייל מיר האבן געהאט אן אמונה, א טיף־גייסטיקע ירושה, וואס איז איבערגעגאנגען פון דור צו דור און געשטאלטיקט די גרויסע פלעיאדע יידיש־גייסטיקע ריזן וואס האבן אונדז דערנערט און אויפגעהאלטן־אלס פאלק, ביז מיר האבן זוכה געווען צו באנייען די איבערגעריסענע מלוכהשע זעלבסשטענדיקייט — אין ארץ ישראל.

מ. צאנין פירט אויס אין זיין ספר, אז די יידישע רעליגיע האט אין אלע צייטן פון אונדזער גלות, געשפילט א זייער וויכטיקע, דאמינירנדע ראל אין גלות־לעבן. אין די שווערסטע, פארצווייפלסטע באדינגונגען, זענען יידן געשטארקט געווארן, א דאנק אונדזער אמונה. אבער ס'איז א גרויסער ספק, אויב דאס שותפות צווישן דער יידישער מלוכה אין ישראל מיטן יידישן דת, וועט לאנג אנהאלטן. מיר וועלן ווערן א סעקולערע מדינה, ווי אלע מדינות אויף דער וועלט! און וואס וועט ווערן פון אונדז־יידן — ווען מיר וועלן, חלילה, פארלייקענען אונדזער גלויבן, דעם דת־משה, צוזאמען מיט דער פיער טויזנט יאריקער געשיכטע פון אונדזער פאלק?!

מ. צאנין באהאנדלט דעם דאזיקן, שניידיקן ענין, געשטיצט אויף דער ווארער ווירקלעכקייט, וואס הערשט איצט אין ישראל. לעת־עתה זענען דאס געוואגטע געדאנקען. אבער אפילו, ווי געדאנקען, מאכן זיי אויפשוידערן.

דער ריינער אמת איז, אז אין ישראל זענען פאראן ישראלים (אזוי גערופענע „כנענים) וואס האבן א „טעאריע", אז זיי — רק זיי — זענען די „נאציע" פון ישראל. ניט קיין יידישע נאציע, חס־וחלילה נייערט א ישראלדיקע, באזירט אויף דער משונהדיקער, כנענישער טעאריע.

קאנקרעטער געזאגט! די „כנענישע נאציע" בינדט גארנישט מיט די יידן אויף דער גארער וועלט, נישט מיט דער יידישער טראדיציע און רעליגיעזער פארגאנגענהייט. נישט מיט דער גרויסער געשיכטע פון אונדזער פאלק אין די גלות לענדער, וכדומה. פראסט־פשוט:

לויט דער כנענישער טעאריע זענען זיי נאנטער צו די סעקולערע (כנענישע) ישראלים, ווי צו די גייסטיקע ריזן פון דער יידישער געשיכטע!

און דאס איז טאקע די גרויסע סכנה, וואס באדראט דעם יידישן קיום,



ווי א פאלק — גראד און דווקא — אין דער באנייטער מדינת ישראל, נאך א טראגישן און פינצטערן גלות איבער דער גארער וועלט!

מיר האבן ארויסגענומען פון מ. צאנינס וויכטיקן — אפשר דעם וויכטיקסטן ספר, וואס איז דערשינען אין די לעצטע נאך־מלחמה יארן, בלויז אויסצונן פון די פיער אנגעגעבענע עסייען, וועמענס תוכן פארמאגן ביטערע אמתן, וואס צווינגען אונדז זיך פארטראכטן — ווו מיר האלטן איצט אין ישראל, נאך א מהלך פון פיער טויזנט יאר יידישער געשיכטע. אוודאי ווייסן מיר נישט, ווי עס וועט אויסזען דער המשך פון אונדזער גורל — אלס פאלק, אין דער יידישער מדינה — און די גלות־לענדער בתוכם. עס גלויבט זיך נישט, אינעם ליכט פון דער ווירקלעכקייט, אז מדינת ישראל וועט אימשטאנד זיין צו ליקווידירן די יידישע גלותן אין די תפוצות. אבער עס איז פאר אונדז קלארער ווי דער טאג, אז אן דער יידישער אמונה — בפרט נאך אין ארץ ישראל — וועלן מיר האבן א ענלעכן סוף, ווי עס האבן געהאט א צאל אנדערע פעלקער, וואס זענען פארשוואונדן פון דער אויבערפלאך, מיטן כוח פון דער שענדלעכער און־שרעקלעכער כנענים־אידעאלאגיע, וואס פריידיקט דעם „קולט" פון א פארברידערונג מיט די אראבער און אדאפטירן באדיי דעם קאראן אנשטאט תורת משה.

די כנענים זענען דערווייל א קליינע גרופע. אבער זיי געפינען א יניקה פאר זייערע אפיקורסישע אידעאלאגיעס צווישן דער סעקולערער יידישער יוגנט אין ישראל, וואס פארלייקנט דעם צלם אלוקים, אויפן סמך פון זייער פרייער דערציונג, וואס זיי קריגן אין דעם רוב שולן און גימנאזיעס אין ישראל.

גאנץ ריכטיק באמערקט דער מחבר אינעם קאפיטל „די גענעזע פון א קולטור־דראמע", זאגנדיק; „הגם דער מזרח־אייראפעאישער צענטר, ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען דער גרעסטער פון אלע יידישע צענטרס אין דער גאנצער יידישער געשיכטע, און זיינע האמאגענע קולטור־אוצרות — אויף אלע געביטן — האבן געקענט באשפייזן א גאנצע אימפעריע, שטייט די יידישע מדינה, וואס איז צוגעגרייט און געגרונטפעסטיקט געווארן דורך דעם מזרח־אייראפעאישן אלעמענט, אין א פראצעס פון לעוואנטיניזאציע".

קומט אויס, — אויב עס וועט ניט פארשטארקט ווערן דער גייסטיקער און דער פיזישער כוח פון די — נאכן אומקום פון זעקס מיליאן יודן פון די אייראפעאישע לענדער — וועט דער כנענישער לעוואנטיניזם ווערן דער דאמינירנדיקער פאקטאר, וואס וועט באהערשן דאס לעבן אין ארץ ישראל. דערמיט וועלן זיי אפווישן די עקזיסטענץ פון דער יידישער אומה, וואס האט אין משך פון פיער טויזנט יאר דערהאלטן אונדזער פאלק.

מ. צאנין פארנעמט זיך אין דעם לעצטן קאפיטל פון דער בראשור מיטן פענאמען, וואס הייסט „יודיש לשון", וואס האט אויפגעטאן ממש וווּנדער אויפן געביט פון דער יידישער קולטור. פילאלאגיש גענומען — פירט אויס דער מחבר — איז יידיש די יונגסטע שפראך אין דער וועלט. יידיש פארמאגט דעריבער די גענויעסטע געבורטס־מעטריקע צווישן די שפראכן. יידיש לשון איז באהויכט

מיט טויזנטער לשון־קודשדיקע (העברעאישע) ווערטער.

און באמת איז יידיש לשון דאס וווּנדער־קינד פון אלע לשונות. אבער אין דער יידישער מדינה ווערט יידיש לשון באטראכט ווי א „פרעמדער לשון״, וואס קעמפט פאר זיין עקזיסטענץ.

ס׳איז ניט מעגלעך, אין די באשרענקטע ראמען פון אן ארטיקל, אויסצושעפן אפילו א מינימום פון דעם שלל מיט לאגישע פאקטן און באווייזן, וואס מיר לערנען פון דעם ספר. וואלט אפשר געווען א פלאן, אז די דאזיקע בראשור פון קנאפע הונדערט זייטן, זאל איבערגעזעצט ווערן אויך אין העברעאיש, ענגליש, שפאניש און פראנצויזיש, ווי א דאנקבארן — איך וויל אונטערשטרייכן — זייער דאנקבארן לימוד פאר די יידישע תלמידים, וואס לערנען אין די דאזיקע שולן, ווייל זיי וועלן פון דעם ספר אסך לערנען און זייערע וויסנס וועלן באררייכערט ווערן מיט טעמעס, וואס ווערן קורץ און שארף באריִרט אין מ. צאנינס דאנקבארע פיער עסייען, „אויף די וועגן פון ידישן גורל״, וואס אנטהאלטן די גרונט יסודות פון דער יידישער געשיכטע.

דער מחבר האט זייער אסך מסקן געווען מיט דעם יידיש־לשונדיקן ספר, און ער פארדינט אונדזער אויפריכטיקן יישר־כוח פאר זיין געבענטשטער ארבעט.

## הערי אריעל

### ווער וועט זיי פארטרעטן ?... (נעקראלאג)

מיר זיינען פון דעם זעלבן שטאף געמאכט וואס די חלומות
און אונזער לעבן דא אויף דער וועלט איז ווי פון שלאף
ארומגערינגלט...״ (שעקספיר)

איז דאס לעבן טאקי נאר א חלום ? וועל איך זיך אמאל אויפכאפן רייטנדיק הויך אויף וואלקנס געקרייזלטע?... צו בין איך וואך און דאס אלץ וואס איז געשען אין דעם פארגאנגענעם יאר דא, אין אונזער יידישער טעאטער וועלט, איז די טרויעריקעווירקלעכקייט...

מיר האבן פארלוירן א ליבן פריינט גאלדע גרינבי. זי איז געווען ווי א מאמע צו יידישע אקטיארן. אויסרעכענען א ליסטע פון שוישפילער, וועלכע האבן געברענגט פרייד דעם לאנדאנער יידישן טעאטער עולם, אדאנק דעם וואס מאדאם גרינבי האט זיי אנגאזשירט פון אלע עקן פון דער וועלט, וואלט פארנומען צופיל פלאץ. זי און איר מאן האבן עטליכע פערציק יאר פשוט געקעמפט פארן יידישן לעבעדיקן ווארט און איצט איז זי פון אונז אוועק אויף אייביק.

און דאס לעבן גייט זיך ווייטער... נאך די יומים טובים וועט פארקומען אין „גרענד פאליי״ די פרעמיערע פון דעם נייעם סעזאן, דער עולם וועט לאכן, פארגיסן א טרער, אפלאדירן... אבער נאך דער פארשטעלונג, ווען די אקטיארן וועלן האבן אראפגענומען דעם שמינק פון פנים און זיך לאזן גיין אהיים, וועלן זיי מער נישט הערן דעם ספעציעלן קאמפלעמענט פון דער בעל־הבית׳טע: „דו ביזט געווען וואונדערבאר אין דער ראלע...״ דערביי באמער



קנדיק אנ׳אייפערזיכטיקן בליק פון די אנדערע, פלעג זי באלד פאריכטן די פראזע: „איר זענט אלע געווען וואונדערבאר אין די ראלן...״ קיינע האט אזוי נישט געוואוסט ווי אומצוגיין מיט די טעמפעראמענטפולע „סטארס״ פון אויסלאנד, קיינער האט אזוי נישט געקענט אויסגלייכן אנ׳ארגומענט צווישן דעם רעזשיסאר און א קאפריזנע אקטריסע... קיינער האט אזוי נישט פארשטאנען די „אינטער קוליסן פאליטיק״ בכלל, ווי גאלדע גרינבי. איך רייד נאר פון איר טעאטער טעטיגקייט, ווייל דורכן טעאטער האב איך זיך באקענט מיט איר אין יאר 1947, ווען איך בין פון אנ׳עסטרייכישן לאגער געקומען קיין לאנדאן צוזאמען מיט דארא און יצחק קרעלמאן. ניינצן יאר זיינען אוועק זייט יענעם אוונט ווען די פאמיליע גרינבי און די יידישע אקטיארן פון „גרענד פאליי״ האבן אונז אויפגענומען. א סך פון זיי זיינען שוין מער נישט צווישן די לעבעדיקע און איצט האבן מיר זיך דער וואוסט אז יצחק קרעלמאן איז אויך שוין נישטא...

ער איז געשטארבן אין ישראל ווי ער האט געהאט א סך פריינט און חברים מיט וועלכע ער האט געשפילט נאך פאר דער מלחמה אין פוילן. ווען איך בין געווען א קינד איז געקומען אויף גאסטשפילן קיין לאדזש דאס ווארשעווער טעאטער אונטער דער דירעקציע פון חיים סאנדלער און דאן האב איך צום ערשטן מאל געזען יצחק קרעלמאן, וועלכער איז דעמאלט געווען א יונגער דראמאטישער אקטיאר מיט א וואונדערבארן אויסזען. אין יאר 1941 האט מיך דער גורל ווידער צוזאמענגעפירט מיט אים און זיין פרוי דארא, אבער דאס מאל אין א גאנץ אנדערער סיטואציע. מיר זיינען געווען פארפאלגטע יידן, אנטלאפענע פון די דייטשע מערדערישע הענט און צוזאמען מיט אידא קאמינסקא, שמחה נאטאן, יצחק טורקאוו, עני ליטאן און אנדערע בארימטע שוישפילער, פראבירט צו עגזיסטירן אלס יידישער טעאטער אין צענטראל אזיע, אין א מדינה וואס הייסט „קירגיזסטאן״ מיט א הויבט שטאט „פרונזע״... דארט איז געווען געבוג צייט פאר זכרונות פון אמאל און יצחק קרעלמאן פלעג דערציילן ווי אין דעם און דעם יאר ער האט ארגאניזירט א טורנע איבער פוילן מיט לידיא פאטאצקא, דאן מיט אלעקסאנדער גראנאך און פאר מיינע אויגן איז פארביי א פאראדע פון די גרעסטע קינסטלער מיט וועלכע ער האט געארבעט. ער פלעגט מיט שמחה נאטאן ע.ה. און די אנדערע אקטיארן זיך דערמאנען פארשיידענע געשעענישן, אנעגדאטן, וועלכע זיינען פארגעקומען אין די צייטן ווען זיי האבן צוזאמען געשפילט און איך אלס יונגער אקטיאר האב געשלינגען יעדער ווארט...

מיר זיינען געקומען קיין לאנדאן צוזאמען און אויפגעטרעטן אין שלום עליכם׳ס „שווער צו זיין א יידש. קרעלמאן האט געשפילט „דוד שאפירא״ און איך „איוואנאוו״. ווען איך בין אנגאזשירט געווארן קיין זיד אפריקא צו שפילן מיט די אקטיארן עטא טאפעל און מארק מארקאוו איז יצחק קרעלמאן געווען דער אנפירער פון דעם לאנדאנער יידישן טעאטער קאלעקטיוו. ווען איך בין צוריקגעקומען פון אפריקא, האב איך נאך באוויזן צו שפילן

עטליכע סעזאנען מיט אים, ביז ער האט פארלאזן אונזער טעאטער.

אין דער צייט פון מיין שווערער ארבעט אלס אנפירער, רעזשיסאר, פיעסן שרייבער און אקטיארן אין „גרענד פאליי", האב איך פארלוירן דעם קאנטאקט מיט קרעלמאנען. איך ווייס אבער, אז ער האט געשפילט אין ישראל און איך געווען א געוויסע צייט דער פרעזידענט פון דארטיקן יידישן אקטיארן פאריין. איך גלויב, אז ביים לעבן איז ער געווען פון די געציילטע גליקלעכע מענשן, וועלכע האבן דערגרייכט זייער ציל. ער האט אויך גטהאט א גליקלעך פאמיליען לעבן און איבערגעלאזט א פרוי און א טאכטער אין טיפן טוריער.

ווען א מאלער שטארבט בלייבן זיינע בילדער, ווען א שרייבער שטארבט בלייבן זיינע ווערק, ווען אנ׳אקטיאר שטארבט בלייבן נאר ערינערונגען ביים פובליקום און זיי פארגעסן זער שנעל... עס געדענקען נאר די פריינט און חברים שוישפילער און אז זיי וועלן אויך אוועק, ווער וועט זיי פארטרעטן?...

## מאיר באגדאנסקי

## חבר שיע בירנבוים א בן שמונים

צו זען א מענטש אלט ווערן אכציק יאר איז, אין אונזערע היינטיקע טעג, שוין נישט אזא זעלטנהייט ווי עס פלעגט זיין אמאל. אבער צו זען אן אכציק יעריקן מענטש וועלכער איז נאך נישט קיין „זקן" איז נאך אלץ א זעלטנהייט. איך האב דאס ווארט „זקן" אריינגעשטעלט אין גענזנפיסלעך ווייל איך האב דערמיט געוואלט באצייכענען די חסרונים פון זקנה. ווי צום ביישפיל דאס נישט קענען זיך באוועגן פריי, נישט קענען ארויסגיין אין דרויסן ווען דאס וועטער איז א קאפעטשקע נישט גוט, אדער אין אוונט ווען ס׳איז אביסל פינסטערלעך, אדער גאר ארויפקלעטערן עטלעכע שטאק טרעפן און דאס וויכטיקסטע — נישט צו זיין פעאיק צו רעאגירן אויף געזעלשאפטלעכע געשעענישן. קיין איינעם פון די א חסרונים קען מען דעם ח׳ שיע בירנבוים נישט פארווארפן.

אהערגעקומען פון פוילן אין אנהויב פון איצטיקן יאר הונדערט א יונגערמאנטשיק — האט ער אקטיוו אנטיילגענומען אינעם היגן געזעלשאפטלעכן לעבן די גאנצע צייט. כל ימיו געווען אן ארבעטער ביי יענעם, האט ער אזויערנאך זיך מפרנס געווען מיט פרוי און קינדער. און נאך געפונען צייט אויף צו טון געזעלשאפטלעכע ארבעט. געווען צווישן די גרינדער פון ארבעטער רינג אין וועלכן ער איז געווען טעטיק די גאנצע צייט. געווען פון די גרינדער פון דער יידישער סאציאליסטישער ארגאניזאציע — היינט „בונד" — און געווען פון די אקטיווסטע טוער אין איר. עס איז נישט מעגלעך און דעם ארטיקל צו דערציילן גענוי אין וואס עס באשטייט די ארבעט פון די דערמאנטע צוויי ארגאניזאציעס. אבער צו זיין טעטיק אין זיי דורך אלע די יארן האט געפאדערט אסאך מי און צייט. ער איז אויך אקטיוו אין דער געזעלשאפט „פריינט פון יידיש לשון". אחוץ דעם איז ער אויך א מיטגליד אין דער „לייבאר פארטיי".

געוויינלעך ביי אכציק יאר לעבט שוין א מענטש אויפן חשבון פון דער פארגאנגענהייט — אבער נישט אזוי חבר שיע בירנבוים. ער לעבט נאך נישט אויפן חשבון פון זיינע „אפשפארונגען". מאטעריל מסתמא יא. אבער דא רעדט זיך דאך נישט וועגן אזעלכע „נארישקייטן" ווי פרנסה. דא רעדט זיך דאך וועגן רוחניות און ארבעט לטובת הכלל. יעדן שבת זעט מען אים ביי די „שבת נאכמיטאגס". ער זיצט דארט נישט מיט אן אפן מויל און פארמאכטע אויגן, נאר מיט אפענע אויערן. און איז ער נישט מסכים מיט אן ארויסגעזאגטער מיינונג לאזט ער זיך הערן בקול רם. דער ארבעטער רינג האט אים געשאנקן די גרעסטע אויסצייכנונג וואס ער קען געבן — אים געמאכט פאר א לעבנסלענגלעכן מיטגליד פון צענטראל קאמיטעט. און ער איז בסדר טעטיק אין אים. אין „בונד" איז ער א מיטגליד אין קאמיטעט און דער קאסירער פון דער ארגאניזאציע. און ווי קליין די קאסע זאל נישט זיין — האלט ער זי מיט אן „אייזערנער" האנט.

דער גרעסטער „חסרון" ווען מען איז אכציק איז וואס די גרעסטע צאל מיטצייטלער ד.ה. די מענטשן מיט וועלכע מען איז צוזאמען אויסגעוואקסן און מיט וועלכע מען האט געטיילטליידן און פריידן, געפונען זיך שוין אויפן עולם האמת. איז טאקע די צאל מענטשן וואס זיינען געקומען צו דער פייערונג פון זיין אכציק יאריקן יובל, וועלכע דער „בונד" אין לאנדאן האט איינגעארדנט דעם 31טן יולי ד.י. געווען א קליינע. דערפאר אבער די שמחה — גרויס.

---

### איין יום הדין אין בית דינס אזש צוויי

„וואס מיר זיינען זיינען מיר — יידן זיינען מיר."
זינגט ווייטשעפל היינט איר יום־טובדיק געזאנג,
און אויף איר ברייטער, איר אפענער פאטשענע,
פויקט פריידיק צום טאקט מיין האפערדיקער גאנג.

די געשעפטן געשלאסן אויף דער גאנצער לענג,
קיין איין בערע — ראש־השנה, יום הדין!
בלויז איין געשעפט, ס׳גרעסטע, גאוהדיק אויפגעפראלט,
ווי אויף גלאטן שטערן א קרעציקער שחין.

יא, זי די גרעסטע קראם פון קרעמער הגדול,
האט ביים בית־דין א היתר־עיסקא געמאכט!
דערפאר טאקע אייליק כאפ־לאפ צוגעקלאפט,
און ס׳ראבינאט פריש־אויפגעשטעלט איבערנאכט.

אבער וואס עפעס ראפטים צוויי, איינס נישט גענוג?
דאכט זיך פארדעם אויך א תשובה צוגעטראכט:
האט מען נישט דעם כהן־גדול שוין צוגעגרייט,
א צווייטע פרוי פאר יום־כיפור אויף דער נאכט...

### דוב סדן צוגאסט אין ענגלאנד

דער בארימטער העברעאישער שרייבער, דער פראפעסאר פאר יידיש אויף דער ירושלימער אוניווערזיטעט, דער מ. פ. אין ישראל־כנסת איז געווען איינגעלאדן פונם העברעאישן סעמינאר אין ענגלאנד, דער חשובער גאסט האט געהאלטן זיינע לעקציעס דייקע אין יידיש, כדי דער „ענגלישער" עולם זאל טאקע פארשטיין. .

אויף זיין ווײלן אייניקע טעג אין לאנדאן, איז ער צוזאם מיט זיין חשובע פרוי אויפגענומען געווארן אויף א מסיבה אין הויז פון דר. יעקב י. מייטליס, די חשובע געסט האבן אויך באזוכט ווייטשעפל. געגאנגען אנקוקן די בראדער שול, דאס הויז ווו שלום־עליכם האט געוווינט, באזוכט די נאראדיצקי דרוקעריי, אויפגענומען געווארן פון די ברידער נאראד, פון רעדאקטאר פון „תרבות" דר. מאיר גערטנער און פון רעדאקטאר פון „לשון און לעבן" ש.

## לשנה־טובה־ווונטשן (המשך)

מארי ביעטש פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון“ א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה

מיכאל לידור

מיכאל, רות און גילעד לידור ווינטשן זייערע עלטערן און שוועסטערן אין לאנדאן און אין ישראל און אלע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכ־טער, איידעמס, אייניקלעך, א כתיבה וחתימה טובה.

חנה הינדע שפיגלמאן, ווינשט אירע קינ־דער אין ענגלאנד און אין אמעריקע, אירע אייניקלעך און אוראייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יארן.

פרוי גוסטע געפמאן ווינטשן אירע קינ־דער סאלאנט אין ישראל, און ברודער אין לאנדאן, יוליאן גראס און פאמיליע און מומע ליזע און אלע פריינד בכל מקום שהם א כתיבה וחתימה טובה.

יצחק פייגנבלאט ווינשט זיינע קינדער, משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שלום יאקובאוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אלע יידן א גוט יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זיירע שוועסטער און ברודער, קינדער און דעם ליבע אייניקל, פריינד און גאנצע משפ־חה א רואיק און גליקלעך יאר.

איך ווינטש א גליקליכן געזונטן יאר א.נ. שטענצל און זיינע מיט ארבייטער אין „לשון און לעבן“ — א. לעווין.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

מ. בערנשטיין ווינטשט זיינע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר און זיי געזונט צו זיין עליה קיין ישראל.

מעני קאהען א גוט געזונט יאר קרובים און פריינט.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייער קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל א שנה טובה.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אמעריקא, א כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאבאטשניק ווינשט אירע קינדער און אלע פריינט א גוט יאר.

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ“ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

משה מארקאוויטש און טאכטער ווינשט זיינע זין, שנירס, טעכטער, פאמיליע, מעמ־בערס פון נעלסאן שול א כתיבה וחתימה טובה.

אברהם בערמאן און זון דוד פון 207 לאוער קלעפטאן רויד. א.5, ווינשן זייערע גוטע פריינט און באקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

מאריץ איזשביציקי אין מענער האטעל ווינטשט זיין משפחה און פריינט א גוט און געזונט יאר.

יצחק גארדאן ווינטש זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שיע בירענבוים ווינשט זיינע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

אברהם ברוך באש דער בעל בית פון מע־נער האטעל אין וועסטקליף ווינשט א כתי־בה וחתימה טובה אלע זיינע פריינט קרובים און די געסט אין זיין האטעל.

חיים האלדזשטוק ווינשט כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים.

מרס. שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כתיבה וחתי־מה טובה.

### יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן טעטלמענט, הענריקעס סטר. א. 1. שבת — 3 אזייגער)

שבת, דעם 17′טן סעפטעמבער — יעקב ריכטיגער נעט רובין.

שבת, דעם 30′סטן — יידל גאלדבערג, מאיר באגדאנסקי, ח. נ. בענקוויטש.

שבת, דעם 8 אקטאבער — געסט פון ניוארק סעם דרין, ברוך קעש. לייענען און זינגען וועלן מנשה וויסגראז, מלכה ליכטנשטיין און מאדאם נאדלער.

שבת, דעם 16′טן — 100 יאר פוילן — משה דאמב, אייזיק גאלדבערג, נעט רובין.

שבת, דעם 22′סטן געווידמעט דעם שאפן פון יעקב גלאטשטיין, יידל גאלדבערג א.א.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11־10 (העפט 19־418) זיבן און צוואנציק. יאר אקט.־נאוו. 1966 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

צום ראסן־פראבלעם, נאך פיפציק יאר רעוואלוציע, צוויי יובילארן יעקב שטערנבערג און דר. שלמה ביקל, דער נאבל־פרייז ........ °°° 1
כאר פון די יתומים, דאס קול פון הייליקן לאנד (לידער) ........ נעלי זאקס 10
צווישן צוויי שטעט (דערציילונג) ........ שמואל יוסף עגנון 11
איך (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 24
גערַאנגל (דערציילונג) ........ יוסף ד. באסט 25
טויער־ברידזש (ליד) ........ שמואל וואהייט 30
דורך דעם הערבסטיקן וואלד (ליד) ........ עלא זילבערג 31
אין דער שטאט פון יאסעף איזראעלס, אין דער לען, אין א ווייטשעפל פארקל איצט, מיין געסל (פראז און ליד) ........ א. נ. שטענצל 31
דער יידישער קאלענדאר (עסיי) ........ י. ריכטיגער 54
יידן אויפן בארג פון טאריק (איינדרוקן פון א באזוך) ........ מאשא גרינבוים 61
פארגעסן און פארגעבן? ........ משה בעקערמאן 64
ווי „איינזאם“ מען שטארבט אין לאנדאן ........ א טעאטראל 66

### יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס (שבת 3 אזייגער)

אין בערנער באראן סעטילמענט הענריקעס סטר. א.1.

שבת, דעם 12′טן נאוועמבער — יידל גאלדבערג, מאיר באגדאנסקי און יעקב ריכטיגער.

שבת, דעם 19′טן ח. נ. בענקוויטש, נעט רובין.

שבת, דעם 28′סטן — מנשה ווייסגראז, אייזיק גאלדבערג און מאדאם נאדלער.

זונטיק, דעם 29′סטן נאוועמבער אין בן־אורי 8 אזייגער אין אוונט. בערנער סטר. 21 א.1.

**א יעקב גלאטשטיין יובל־אוונט, רעדנער דר. מאיר גערטנער, רעציטירן דער באקאנטער אקטיאר יודל גאלדבערג.**

רעדאקציע נאטיץ: איבער דוחק אין פלאץ קומען די קולטור־ידיעות אין דעצעמבער נומער.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*